ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# השבת

צווייטער טייל
דריטער קאפיטל
אידיש

**736**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

דריטער קאַפּיטל

# לידער

ר׳ שלמה אלקבץ

# לכה דודי

קום אַרויס אַקעגן כלה, געליבטער מיין,
און לאָמיר דעם שבת מקבל־פּנים זיין!

„שמור וזכור" — בײדע מיט איין מאָל
האָט אונדז געלאָזט הערן דאָס געטלעכע קול.
גאָט איז איינער און זיין נאָמען איז איינער
אין רום און אין ליב, און ווייטער קיינער.

צו באַגעגענען שבת — קומט, לאָמיר גיין
ווייל ער איז דער קוואַל פון ברכה אַליין.
געקרוינט פון אָנהייב אָן, פון לאַנג,
ענדציל פון באַשאַף און ערשטן געדאַנק.

מקדש פון מלך, גאָט׳ס שטאָט און גאָט׳ס הויז,
קום פון צעשטערונג און חורבן אַרויס;
גענוג דיר שוין זיצן אין טאָל פון פּיין
און ער וועט אויף דיר זיך מרחם זיין.

שטיי אויף, טרייסל אָפּ זיך פון ערד און שטויב,
טו אָן דיינע פּראַכטיקע קליידער פון לויב;
דורך דוד פון בית־לחם הויז,
דערגרייך מיין זעל און לייז זי אויס.

דערוואַך, דערוואַך אין דיין ליכט און פּראַכט
שטיי אויף און לויכט אין דער פינצטער פון נאַכט;
דערוואַך פון דיין שלומער און רייד געזאַנגען,
גאָט׳ס כבוד אויף דיר איז אויפגעגאַנגען.

ניט ווייס מער פון בושה, זאָלסט מער זיך ניט שעמען —
וואָס ביסטו געפאַלן, וואָס טוסטו זיך קלעמען?
מיין אָרעם פאָלק צו דיר טוט זיך קערן,
און די שטאָט אויף איר באַרג וועט אויפגעריכט ווערן.

און דיינע באַרויבער — וועלן ווערן צערויבט,
און דיינע פאַרשלינגער — דערוויטערט, צעשטויבט;
דיין גאָט וועט זיך פרייען איבער אונדז אַלע,
ווי ס׳פרייט זיך דער חתן איבער זיין כלה.

אויף רעכטס און אויף לינקס וועסטו זיך טאָן שפרייטן
און גאָט וועסטו דינען און לויבן אין פריידן.
דורכן מאַן פון דוד בן ישי׳ס הויז
וועט זיין אונדזער שמחה ליכטיק און גרויס.

קרוין פון איר האַר, קום מיט פרידן אַרונטער,
מיט קלאַנגען געזאַנגען פריידיק און מונטער,
צווישן די טרייע פון פאָלק ווער נתעלה —
קום שוין כלה, קום שוין כלה!

קום אַרויס אַקעגן כלה, געליבטער מיין,
און לאָמיר דעם שבת מקבל־פנים זיין!

(אידיש: י. י. שוואַרץ)

## ר׳ שלמה יצחקי (רש״י)

# אַ זמר פאַר שבת־צו־נאַכט

דער שומר זאָל מיין פינצטערע נאַכט באַשטראַלן,
ווייל אַן אימה׳דיקה פינצטערניש איז אַרונטערגעפאַלן —
זיי אַ הילף אונדז, דערבאַרעמדיקער גאָט!

מיר וואַרטן אויף ליכט, זאָל דאָס ליכט אונדז געפינען,
ביז ס׳קומט אויף דער טאָג און די שאָטנס אַנטרינען —
זיי אַ הילף אונדז, דערבאַרעמדיקער גאָט!

דערוואַך און צעשטראַל זיך, מיין ליכטיקער שטערן,
זאָל ליכטיק, זאָל ליכטיק און פריידיק נאָך ווערן —
זיי אַ הילף אונדז, דערבאַרעמדיקער גאָט!

אין אָונט — געוויין, אין פרימאָרגן — געזאַנגען,
שיק הילף אונדז אין גלות אין פינצטערן, לאַנגען —
זיי אַ הילף אונדז, דערבאַרעמדיקער גאָט!

זע, ס׳האָט אונדז די פינצטערע נאַכט פאַרנומען,
אין שעה פון דעם אָונט זאָל ליכט אויף אונדז קומען —
זיי אַ הילף אונדז, דערבאַרעמדיקער גאָט!

ער האָט אונדז פון טויט־שרעק אַרויסגעצויגן,
באַשירעם, באַשיץ און לויכט אויף מיינע אויגן —
זיי אַ הילף אונדז, דערבאַרעמדיקער גאָט!

אויף גאָט׳ס ליכט טו איך גאַרן און וואַרטן און האָפן,
קומט גיין אין זיין ליכט, ס׳ליגט דער וועג פאַר אונדז אָפן —
זיי אַ הילף אונדז, דערבאַרעמדיקער גאָט!

זאָלסט איילן צוהילף מיט דיין ליכט, וואָס פאַרבאָרגן,
זאָל גאָט זיין דאָס אייביקע ליכט אין פרימאָרגן —
זיי אַ הילף אונדז, דערבאַרעמדיקער גאָט!

שטיי אויף, לויכט, ווייל דיין ליכט קומט מיט פריידן
און זאָלן פאַרשווינדן די גזירות און ליידן —
זיי אַ הילף אונדז, דערבאַרעמדיקער גאָט!

באַשירעם, באַשיץ פון די בלוטיקע שונאים,
גאָט׳ס כבוד האָט אויפגעשטראַלט, לויכט אונדז אין פנים —
זיי אַ הילף אונדז, דערבאַרעמדיקער גאָט!

(אידיש: י. י. שוואַרץ)

## יהודה הלוי

# אַ זמר לשבת

איך הייב אויף דעם בעכער מיט ליבשאַפט און זאָג:
פרידן דיר, פרידן דיר, זיבעטער טאָג!
די זעקס טעג פון אַרבעט ביי דיר זיינען קנעכט —
אַרבעט איך, וואַנדער איך, פאַר דיר איז אַלץ רעכט,
זיי פליען פאַרביי, ס׳איז דאָך בלויז אַ פאָר טעג.
פרידן דיר...

מיין ליבע צום זיבעטן טאָג איז גאָר גרויס,
דעם ערשטן טאָג גיי איך צו דער אַרבעט אַרויס,
פאַרדינען אויף שבת, צו זיין פאַר אים גרייט,
ווייל גאָט האָט אויף אים זיינע ברכות פאַרשפּרייט,
נאָר דו ביסט מיין טייל פון מיין גאַנצענער מי...
פרידן דיר...

דאָס ליכט פון מיין הייליקן טאָג איז גאָטס ליכט —
די זון און לבנה זיינען מקנא זיין ליכט.
וואָס אַרט מיך דער מאָנטיק און דינסטיק אין פּיין,
דער מיטוואָך — פאַרשטעלט איז זיין פּנים פון שיין.
פון פינפטן טאָג אָן גייט די בשורה פון פרייד
אַז מאָרגן — און ס׳ווערט מיין נשמה דערפרייט;
ביז האַלבן טאָג אַרבעט און נאָכדעם שוין פריי
צום טיש פון מיין הירט און מיין קיניג געטריי.
פרידן דיר...

אין זעקסטן — צעשטראַלט מיין נשמה זיך העל,
די צייט פון מיין רו שטייט שוין נאָנט ביי מיין שוועל:
בין איך דורך דער וואָך נע־ונד און פאַרשמאַכט —
פאַרגעס איך די ווייטיקן פרייטיק צו נאַכט.
פרידן דיר...

ווי ליב און ווי טייער עס קומט דער פאַרנאַכט
דאָס פּנים פון שבת איז לויטער און פּראַכט;
ברענגט מיט זיך עפּל, זאָל פליסן דער וויין
געליבטער, געטרייער, אין הויז קום אַריין!
פרידן דיר...

איך זינג צו דיר שבת דו מלכה אַ ליד,
פאַר דיר מיין געזאַנג, טאָג פון ליבע און פרייד;
אַ טאָג פון תענוגים, פון עסן און זעט —
דער תענוג פון טיש, און דער תענוג פון בעט.
פרידן דיר...

(אידיש: י. י. שוואַרץ)

יהודה הלוי

# אַ זמר פאַר שבת־צו־נאַכט

באַדאַרפסט דאָך דערקענען
די עלנטע שאָף,
וואָס ס׳האָט זיי דער שונא
פאַרטריבן אין שטראָף;
צעזייט און צעשפּרייט זיי
אַהער און אַהין —
דו ביסט דאָך דער פּאַטער,
און זיי — דיינע זין.
פאַר דיר אין די אויגן
ווי יאָגט זיי דער פיינט?
וואו איז דיין רחמנות
און ליבלעכקייט היינט?
אויף וועמען פאַרלאָזסטו
דאָס ביסעלע שאָף?
—דיין שאָף, מיין באַשעפער,
ביים פיינט אין די הענט:
ער שיסט אין זיי פיילן
און שניידט און פאַרלענדט;
און ס׳איז ניט קיין אָנהייב,
און ס׳איז ניט קיין ענד.

ס׳איז שוואַרץ זייער פּנים
און פינצטער פאַר צער;
צעשפּרייט, ווי זיי וואָלטן
ניט האָבן קיין האַר.
אַ לייב זיי פון פאָרנט,
פון הינטן — אַ בער;
דאָס פעלד איז פאַרטריקנט,
געזאַלצן ווי אַ טרער.
דאָס גראָז איז פאַרדאָרבן
און ביטער און שלעכט;
און זייערע הערשער —
דער ברודער און קנעכט.

אַך, ווי איז און ווינד
צום פאַרטריבענעם קינד.
הייל אויס מיך צוריק,
מיינע דריקער — צעדריק;
פיר דיין פאָלק ווי אַ שיף
פון דער ברויזיקער טיף.

און טרייב אָפּ דעם חזיר —
ניט שרעקן זאָל ער.
אין פרעמדע געצעלטן
צו לעבן איז שווער.
מיין זין איז פאַרווירט
זינט מיין זון איז פאַרפלעקט;
די ענד פון מיין לײדן
פאַרהילט און פאַרדעקט.
אויב ניט פול איז די מאָס
פון מיין שטראָף פאַר מיין זינד —
נעם זי אָן אין דעם זכות
פון יעקב דיין קינד.
פאַרגיטיק, באַלױן,
קער צוריק אונדזער קרוין,
און מיין פייער צעגלי,
מיינע בלומען צעבלי.

וואָס זוכן מיין אומגליק,
בייזוויליקע האַסער —
געברענט מיך אין פייער,
געטרונקען אין וואַסער;
פאַרוואַנדלט אין חורבות
די שטאָט ירושלים;
צעפיצלט, צעבראָכן
יהודה און אפרים.
און פרעג איך דעם סוד
וואָס פון אויג איז פאַרבאָרגן —
איז ענטפערן קלוגע
פון היינט און פון מאָרגן:

ביז גאָט אינעם הימל
וועט צוזען מיין פּיין
און וועט די צעשפּרייטע
פאַרזאַמלען אַריין:
ער וועט מיינע מויערן
בויען צוריק;
משיח בן־דוד
מיר ברענגען מיט גליק!

(אידיש: י. י. שוואַרץ)

# אברהם אבן-עזרא

## דער בריוו פון שבת

און דאָס איז געווען אין יאָר פיר טויזנט ניין הונדערט און ניינצן, אום האַלבער נאַכט פון פערצנטן טאָג אין חודש טבת. און איך, אברהם הספרדי, וואָס ווערט אָנגערופן אבן־עזרא, בין געווען אין איינער אַ שטאָט פון די שטעט פון אינזל, וואָס ווערט אָנגערופן עק־וועלט, וואָס איז אין זיבעטן גבול פון די גרענעצן פון באַזעצטן לאַנד, און איך בין דעמאָלט געווען איינגעשלאָפן אין זייער אַ געשמאַקן שלאָף. האָב איך געזען אין חלום, ווי עמיץ שטייט לעבן מיר, אין אויסזען פון אַ מאַן, און האַלט אין האַנט אַ פאַרמאַכטן בריוו, און ער האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט צו מיר: נעם דעם דאָזיקן בריוו, וואָס שבת שיקט צו דיר. האָב איך מיך געקניט און געבוקט צו גאָט, און געבענטשט זיין נאָמען וואָס האָט אונדז געגעבן דעם שבת, און וואָס האָט מיר אָנגעטאָן דעם דאָזיקן כבוד. איך האָב געכאַפּט דעם בריוו מיטביידע הענט, און מיינע הענט האָבן געטריפט מיט מור, און האָב אים געלייענט און דער אָנהייב זיינער איז געווען ביי מיר אין מויל זיס ווי האָניק. נאָר ווען איך האָב געלייענט די לעצטע שורות, בין איך געוואָרן אויפגערעגט ביז גאָר און איך בין כמעט אויסגעגאַנגען. האָב איך געפרעגט יענעם וואָס איז אַנט־קעגן מיר געשטאַנען: מיט וואָס האָב איך מיך פאַרזינדיקט און וואָס פאַרא פאַרברעכן בין איך באַגאַנגען, אַז זינט איך געדענק דעם הייליקן נאָמען, וואָס האָט מיך באַשאַפן און זינט איך האָב געלערנט זיינע מצוות — האָב איך אַלעמאָל ליב געהאַט דעם שבת, און איידער שבת פלעגט נאָך אָנקומען, פלעג איך אים אַרויסגיין אַנטקעגן מיטן גאַנצן האַרצן, און ביי זיין אַוועק־גיין פלעג איך אים באַגלייטן מיט פרייד און מיט לידער, און ווער איז נאָך איינער צווישן אַלע זיינע דינער ווי איך, טאָ פאַרוואָס האָט ער דווקא מיר געשיקט דעם דאָזיקן בריוו? און אָט איז דער בריוו:

איך, שבת, די קרוין פון אמונה,
די פערטע פון די עשרת־הדברות.
כ׳בין אַ צייכן צווישן גאָט און זיינע קינדער,
דער אייביקער צייכן אויף דורות און דורות.
און מיט מיר האָט גאָט פאַרענדיקט אַלע זיינע מעשים,
און אַזוי שטייט אין ספר־בראשית.
און אין טאָג שבת איז קיין מן ניט געפאַלן,
כדי איך זאָל זיין אַ מופת פאַר די אָבות.
איך בין אַ תענוג פאַר די וואָס לעבן אויף דער ערד
און אַ רו פאַר די מתים און קברים.
כ׳בין די פרייד פון מענער און פרויען
און ס׳פרייען זיך מיט מיר יונגע און אַלטע.
עס טרויערן אין מיר ניט קיין אבלים
און מען מאַכט ניט אין מיר קיין הספדים
און רו געפינען דער קנעכט און די דינסט,
און די פרעמדע, וואָס אין די טויערן.
ס׳רוען די בהמות, וואָס זיינען ביים מענטשן אין האַנט
ווי די פערד און די אייזלען און אָקסן.
און יעדער איד מאַכט קידוש אויף ווייז
און איז מבדיל צווישן אידן און פעלקער.
זיי געפינען די טויערן פון פאַרשטאַנד יעדן טאָג —
אָבער אין מיין טאָג עפענען זיך טויערן הונדערט.
געערלעכט — זיך ניט צו לאָזן אין אַ וועג, דאָס אייגענע,
ניט צו פאַרנעמען זיך מיט געשעפטן,
ניט אָפּריידן קיין זאַכן.
איך האָב דיך אַלע דיינע טעג געהיט, דערפאַר,
ווייל דו האָסט מיך געהיט פון יוגנט אָן.
נאָר אויף דער עלטער ביסטו דורכגעפאַלן אומגערן:
עס זיינען ספרים אין דיין הויז געבראַכט געוואָרן,
אין וועלכע ס׳שטייט געשריבן צו פאַרשוועכן
די נאַכט פון טאָג פון זיבעטן.
וואָס שווייגסטו און גיסט זיך זיך ניט קיין נדר
צו שרייבן בריוו וועגן דרך פון גלויבן
און זיי אומעטום פאַנאַנדערצושיקן ?!

און דער שליח פון שבת האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט: מ׳האָט דעם שבת פאַרטרויט, אַז דיינע תלמידים האָבן נעכטן אין דיין הויז אַריינגעבראַכט ספרים מיט פירושים אויף דער תורה, און דאָרט שטייט געשריבן, אַז מען

זאָל מחלל־שבת זיין, און דו זאָלסט אָנגורטן דיינע לענדן פאַרן כבוד פון שבת, און אַרויס אין קאַמף מיט די שונאים פון שבת, און דו זאָלסט קיינעם ניט שוינען.

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט. דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט און מיין נשמה איז געווען אויפגעציטערט. בין איך אויפגעשטאַנען אין גרויס צאָרן, כ׳האָב אָנגעטאָן מיינע קליידער, געוואַשן די הענט און גענומען דעם ספר מיט זיך צו דעם ליכט פון דער לבנה. איז דאָרט פאַראַן אַ פירוש אויף „און ס׳איז געווען אָוונט און ס׳איז געווען פרימאָרגן״, און ער זאָגט: אַז ווען ס׳איז געקומען דער פרימאָרגן פון צווייטן טאָג — דעמאָלט איז געוואָרן איין גאַנצער טאָג, מחמת, די נאַכט גייט נאָכן טאָג. כ׳האָב כמעט געריסן קריעה ווען כ׳האָב דערזען דעם דאָזיקן שלעכטן פירוש. און דעם פירוש האָב איך אויף אָן אָרט צעריסן, ווייל כ׳האָב מיך געטראַכט: בעסער מחלל זיין איין שבת, כדי אידן זאָלן ניט מחלל זיין קיין סך שבתים, אויב זיי וועלן זען דעם דאָזיקן שלעכטן פירוש. אויך וואָלטן מיר זיין אויף שפּאָט און שאַנד ביי די פעלקער אין די אויגן. צוליבן כבוד פון שבת האָב איך מיך איינגעהאַלטן, און זיך געגעבן אַ נדר, אַז נאָכדעם ווי דער הייליקער טאָג וועט פאַריבער, ניט צו געבן מיינע אויגן קיין שלאָף, ביז איך וועל שרייבן אַ לאַנגן בריוו, צו דערקלערן באריכות, ווען דער אָנהייב איז פון טאָג פון תורה, אָוועקצונעמען אַלע שטרויכלונגען און אויפצוהויבן אַלע נעצן פון וועג, ווייל אַלע אידן, די פרושים אַזוי גוט ווי די צדוקים, ווייסן, אַז די פרשה בראשית אין וועלכער ס׳ווערט דערציילט גאָטס מעשים, איז געשריבן כדי די שומרי־תורה זאָלן ווייסן, ווי אָפּצוהיטן שבת, אַז זיי זאָלן רוען ווי גאָט האָט גערוט, צו ציילן די טעג פון שבת. אַלזאָ, אויב דער סוף פון זעקסטן טאָג מיינט דער פרימאָרגן פון זיבעטן טאָג, וואָלטן מיר דאָך באַדאַרפט היטן די קומענדיקע נאַכט. דער דאָזיקער פירוש וואָלט דאָך פאַרפירט אַלע אידן, אין מזרח און מערב, די נאָענטע און די ווייטע, די לעבעדיקע און אַפילו די טויטע. און יענער וואָס גלויבט אין דעם דאָזיקן פירוש, זאָל גאָט זיך נוקם זיין אין אים פאַר דער קריוודע פון שבת, און יענער וואָס וועט אַזוינס אויסרופן אויפן קול — זאָל זיין צונג זיך צוקלעפּן צו זיין גומען, און דער סופר וואָס וועט דאָס אַריינשרייבן ווי אַ פירוש אויף דער תורה — זאָל אים זיין האַנט אָפּדאַרן און זיין רעכט אויג זאָל בלינד ווערן — און פאַר אַלע אידן זאָל אויפגיין אַ גרויס ליכט, ווי דאָס ליכט פון די זיבן טעג.

## ענן בר מרינוס הכהן

# אליהו הנביא

אליהו הנביא, אליהו התשבי —
וואָס פאַרזאַמסטו זיך צו קומען?
ס׳קוקט דיין קינד זיך אויס די אויגן,
האַלט אין וואַרטן אויף דיין קומען!
קום אינגיכן, קום אינגיכן
מיט משיח׳ן צוזאַמען!
— ער וועט קומען, ער וועט קומען,
וועט זיך לאַנג שוין ניט פאַרזאַמען!

צייט צו ריידן, צייט צו שווייגן,
אָבער דו האַלטסט אין איין שווייגן —
טויזנט יאָר איז שוין אַריבער
און דו האַלטסט אַלץ אין איין שווייגן;
און די שלאַנג און עקדיש בייסן
און מיין אומגליק האַלט אין שטייגן!

אין מוצאי יום מנוחה
טוען מיר פון דיר אַלץ ריידן;
אויף אַ ברית און צו די סדרים
טוען מיר אַ שטול דיר גרייטן —
דו באַהאַלטסט אָבער דיין פּנים
און פאַרזעסט אונדזערע ליידן!

עמרמ׳ס זון האָט זיך געוויגערט,
ווען דאָס וואָרט האָט אים געטראָפן:
„וואָלט איך זיין דער לעצטער גואל
וואָלט איך לויפנדיק געלאָפן“.
און הגם ער׳ט ניט פאַרדינט זיך
האָט ער איינגעשטעלט זיך אָפן.

גאַרטל אונטער דיינע לענדן,
לויף צו ישי׳ס זון און זאָג אים:
אַז מיר שטייען אַלץ אין תפילה
און מיר ווערן אַלץ געשלאָגן —

אפשר וועט ער אונטעראיילן
און באַשיצן אונדז פון פּלאָגן.

מיר, וואָס האָפן אויף דיר, טראָגן
בלויז איין וואָרט אויף ליפּן שטילע:
„וואָס האָט ער זיך אָפּגעלאָזן
און ער טוט פאַר אונדז קיין תפילה —
אפשר ווען ער וואָלט געבעטן,
וואָלט געקומען שוין די גאולה?"

קום אינגיכן, קום אינגיכן
מיט משיח׳ן צוזאַמען.
— ער וועט קומען, ער וועט קומען
וועט זיך לאַנג שוין ניט פאַרזאַמען!

(אידיש: י. י. שוואַרץ)

ישי בן-מרדכי

# א י ש - ח ס י ד

(פון שבת־צו־נאַכטיקע זמירות)

געווען אַמאָל אַן אָרעמאַן,
אַן אָרעמאַן אַן ברויט;
קיין שוך, קיין קלייד געהאַט צום לייב,
דאָך גאָט געדינט אין נויט.

פאַרלאָזט זיך אויף זיין גוטן ווייב
און קינדער פינף דערצו;
נאָר אָט הייבט אָן די אידענע
צו שטערן אים זיין רו.

„ניטאָ קיין ברויט מער" — טענה׳ט זי —
„קיין קלייד, דאַרפסט ניט פאַרגעסן,
„און אַז דו קענסט שוין תורה פיל,
„טאָ זאָג, וואו נעמט מען עסן?"

„דו פאָלג מיך, זיי מיט לייטן גליך
„און גיי אַרויס אין מאַרק;

„ס׳וועט אפשר גאָט וואָס צושיקן
„זיין קנעכט, וואָס ליבט אים שטאַרק!"

„— דיין עצה איז גאַנץ שכל׳דיק,
„איז אָבער ניט קיין גוטע;
„כ׳זאָל גיין אין מאַרק אַ נאַקעטער
„און אָן אַ האַלבע פרוטה?"

זיין גוטע ווייב דאָן לויפט געשווינדט
און לייט גלייך ביי אַ שכנה,
ווי פאַר איר מאָן צו מאָס געמאַכט,
מלבושים אמת שיינע.

דער אָרעמאַן, ער פוצט זיך אויס
און גייט אויף גאָט׳ס באַראָט.
זיין קליינוואַרג שעפטשעט: ברענג אים ניט
צוריק פאַרשעמט, אוי, גאָט!

גייט דער אביון פול מיט האָפענונג,
פאַר זיין ווייב און קינדער׳ס וועגן;
פלוצים זעט ער: אליהו
קומט אים אויפן מאַרק אַנטקעגן.
און דער נביא זאָגט אים פריינטלעך:
דו וועסט ווערן היינט אַ גביר —
כ׳וועל ביי דיר אַ שקלאַף היינט ווערן
זאָג נאָר, וואָס באַפעלסטו מיר.
רוף נאָר אויס: אַ קנעכט אַ גוטן
ווער וויל קויפן פאַר זיין געלט —
האָט איר איינעם וואָס זיין גלייכן
קריגט מען נאָרניט אויף דער וועלט.

*

דער חסיד קוקט אָן זיין דערלייזער פאַרוואונדערט,
די זאַך קומט אים פאַר עפּעס שווער.
ער קען ניט — דער דין וועט עס קיינמאָל דערלאָזן:
אַ קנעכט זאָל פאַרקויפן זיין הער.

ער טראַכט זיך: וואָס טוט מען? דער נביא פאַרשטייט עס
און גיט אים אַריין זיין השלמה;
אַז ער קען איצט זיין אליהו׳ס אַ רבי
קען איטלעכער געבן הסכמה.
דער חסיד פאַרקויפט אליהו הנביא,
עס וויינען אין הימל די כרובים...
פאַרקויפט זייער הייליקן געטלעכן רבי׳ן
פאַר אַכט הונדערט טויזנט זהובים...

*

דער סוחר פרעגט זיין נייעם קנעכט:
וואָס איז דיין אַרבעט, ליבער?
ביסט אפשר גאָר אַן אַרכיטעקט —
דאַן גיב איך איצט דיר איבער
צו אויפבויען אַ קונסט־פּאַלאַץ
און אַלץ וואָס ס׳איז דערביי;
און ענדיקסטו, ווי ס׳דאַרף צו זיין
דאַן לאָז איך גיין דיך פריי.

אליהו אַרבעט אָפּ דעם טאָג
און אויך די נאַכט דערצו.
ער וויל די אַרבעט ענדיקן
און גיט זיך ניט קיין רו.
ער שרייט צו גאָט אום האַלבער נאַכט:
„דו זאָלסט מיין תפלה הערן,
„כ׳האָב פאַר דיין כבוד מיך פאַרקויפט
„דו זאָלסט געאַכפּערט ווערן.
„נויג צו דיין אויער צום געבעט
„און העלף דיין קנעכט דיין טרייען
„פאַרענדיקן די אַרבעט פיין,
„איך זאָל זיך באַלד באַפרייען״.

*

און מתנות׳וויז קומען מלאכים פון הימל
און אַרבעטן פלייסיק אין בנין.
און טויזנטער הענט האָבן קונסטפול פאַרענדיקט
נאָך פאַרן פרימאָרגן דעם בנין.

עס פרייט זיך דער סוחר צו זען, אַז די אַרבעט
איז פּאַרטיק אינגאַנצן געוואָרן
אין ציר און אין שיינקייט, מיט פּראַכטיקע טורעמס —
ווי ס׳וואָלט זיך געבויט שוין פון יאָרן.
„געדענק־זשע דאָך איצטער" — דערמאָנט אים דער נביא —
וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט נעכטן,
באַפריי מיך אַצינדער, ווי דו האָסט גערעדט,
אויף אַן ערלעכן וועג, אַ גערעכטן.
און ערלעך מקיים איז איצטער דער סוחר
זיין וואָרט וואָס ער האָט אים געגעבן;
און באַלד אויפן אָרט פליט אַוועק אליהו —
צום הימל צו זעט מען אים שוועבן!

(אידיש: ח. י. עפשטיין)

## ר׳ ישראל נאַגאַרה

# אליהו הנביא

שיק צו מיין האַרצן די רפואה,
און דאָס איז: אליהו, דער שליח.
במהרה בימינו זאָל ער קומען
צוזאַמען מיטן מלך המשיח.
ער איז גוט און זיין בשורה איז גוט,
צום פאַרוואונדיקטן האַרץ זאָל ער ריידן,
אַז גאָט האָט דערבאַרעמט די צעשפּרייטע שאָף
און ס׳נעמט שוין אַ סוף צו די ליידן.

אין אַ גרויסן שופר וועט ער בלאָזן,
די פאַרשטויסענע צונויפנעמען —
ער וועט מיינע שונאים צעשפּרייטן
און זייערע עצות פאַרשעמען.
און מיין ליכט זאָל זיך העל צעשיינען,
ווי דער ליכטיקער מאָרגנשטערן;
איך זאָל נאָך מנוחה געפינען
און אויפגעריכט זאָל איך נאָך ווערן.

די ווייטע — דערנענטערט זיין אָרעם,
מאַכט שלום צווישן טאַטעס און קינדער;

וועט איינשטילן אַלע מחלוקות
וואָס ברויזן אין פאָלק אַצינדער;
זאָל אַנטעמען זיך מיינע קריוודעס
זאָלן קומען אויפן פיינט מפּלות;
און איך זאָל נישט דאַרפן מער ציילן
די פינצטערע יאָרן פון גלות.

צום פאָלק זאָל ער ברענגען די בשורה,
אַז גאָט האָט געקיניגט אין ציון;
דעם גוטן באַוואָסערטן גאָרטן
זאָל ער הייסן זיך צעבליען.
און אויפהייבן זאָל ער זיין היכל
וואָס ליגט צו דער ערד צעטראָטן —
זע, דיין מלך איז געקומען,
קום און באַשיץ דיך אין זיין שאָטן!

(אידיש: י. י. שוואַרץ)

## נפתלי הערץ וויזל

### פון „שירי־תפארת"

געדענקט די אַמאָליקע יאָרן אין האַרצן,
אַז גאָט האָט אַלץ באַשאַפן אַמאָל,
אידער ער האָט גערעדט — און שוין געוואָרן,
פון אָטעם פון זיין מויל, ערד, ים און הימלען,
זיינע מלאכים אין הימל, הייליקע הערשאַפטן,
אַלץ נאָר וואָס פאַראַן, באַפוילן —
און ס׳איז געוואָרן. באַלד אין דער ערשטער רגע
געוואָרן באַשאַפן צוזאַמען. ווייל גאָט
באַדאַרף נישט נעמען קיין צייט וואָס צו שאַפן,
ער זאָגט: „ווער" — און ס׳איז געוואָרן.
אויך די ערד איז באַשאַפן געוואָרן, אויך דער הימל,
אידער ער האָט געזאָגט: „ס׳זאָל זיין ליכט"
איז זי, די ערד, שוין געשטאַנען,
אָבער גאַנץ און פולשטענדיק איז זי נאָך ניט געווען,
זי איז געווען ווי אַ תהום פון תוהו ובוהו
און פינצטערניש. וועסטו דאָך פרעגן:
פאַרוואָס עפּעס איז זי אַזוי באַשאַפן געוואָרן?

דערפאַר ווייל זי איז דער וואוינונגספלאַץ פון מענטשן
האָט איר באַשעפער איינגעשטעלט אין איר
זעקס טעג צו אַרבעטן, צו טאָן אַ מלאכה,
כדי צו לערנען דעם מענטשן פאַרשטאַנד;
ווייל די וואָס פאָלגן די געזעצן
זיי וועלן אויסגעפינען די פאַרהוילטע חכמה,
דעם אונטערשייד צווישן זיי און אַנדערע בעל־חיים
באַגרייפן און דערקענען: וועלן וויסן
אַז צוליב זיי איז די וועלט באַשאַפן,
ווייל בלויז זיי זיינען אין גאָטס געשטאַלט געפורעמט
ווייל נאָר אין זיי האָט גאָט פאַרפלאַנצט אַ נשמה
צו וויסן, אַז ניט בלויז צו אַקערן און זייען
און בראָנעווען די ערד איז זייער תכלית —
נאָר אויך דעם בורא צו באַגרייפן און באַנעמען,
צו זען גאָטס בילד און שטייגן אין די הימלען
און היטן, אָפּהיטן דעם וועג פון לעבן.
צום סוף פון זעקסטן טאָג האָט ער פאַרענדיקט זיינע מעשים
און פון זיין שכל'דיקער קלוגער אַרבעט
פון טאָג פון זיבעטן און ווייטער זיך פאַרהאַלטן.
ניט אין אים און ניט נאָך אים טוט ער נייסן,
בלויז זיינע וואונדער זיינען תמיד ניי פאַר אונדז.
דער זיבעטער טאָג איז די קרוין פון אַלע טעג,
אין דעם טאָג האָט ער זיך אויף זיין שטול געזעצט,
געהילט און פּראַכט, באַקליידט אין מאַכטיקייט
איז גאָט געוואָרן קיניג.
זיין מלכות איז דערהויבן, הערשער איבער אַלעס:
ער רופט צו דער ערד, ער רופט צו די הימלען,
די קנעכט זיינע, זיי שטייען פאַר זיין משפט,
צו משפט'ן די וועלט לויט זיינע געזעצן
אָדער ער טוט נאָך וואונדערלעכע מעשים, נאָך גרעסערע,
פון זיין געשריי ווערן די הימלען צעשטערט,
און ס'ענדערן זיך די יסודות פון דער ערד.
דאָס איז אַ געבענטשטער טאָג, אַ הייליקער טאָג,
אַ טאָג פון תענוג — דעריבער האָב איך דיך
פון יעדן אַנדער פאָלק דערהויבן, דעריבער
האָב איך פון יאָך פון אייזערנעם דיך אַרויסגעצויגן
און די פּראַכט פון מיין מלכות דיר באַוויזן.

געדענק דעם טאָג פון שבת, דעם הייליקן טאָג,
כדי דו זאָלסט אים הייליקן, כדי דו זאָלסט אים ערן,
זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן, אַלץ צו געפינען,
פאַרמערן דיין האָב און גוטס און ריידן
פון אַלע דיינע באַדערפעניש; און דיין אַרבעט
פון הויז און פעלד און יעדע קונסט־אַרבעט
זאָלט איר זיך מיען; און אויפן זיבעטן טאָג,
דעם טאָג וואָס איך האָב אויסדערוויילט,
זאָל שבת זיין פאַר גאָט דיין האַר,
אין אים צו רוען און ניט טאָן קיין אַרבעט
ניט ריידן פון געשעפטן און ניט לויפן,
אַ טאָג פון תענוג און פון נחת איז זיין נאָמען.
אויב וועסט אַזוי אים אָפּהיטן און אים דערהויבן
וועט איר מיטן גוטן גאָט האָבן תענוג,
און מיט די ווערק פון זיינע הענט זיך פרייען,
איר וועט געפינען חכמה, איר וועט באַגליקן,
אויף די הייכן פון דער ערד וועל איך אייך מאַכן רייטן,
די נחלה פון אייער פאָטער יעקב
וועל איך אייך מאַכן עסן; נאָר ניט טאָן קיין אַרבעט.
גאַנץ קהל זאָל אים ניט פאַרשוועכן
די מינדסטע אַרבעט ניט צו טאָן.
ניט דו, מיין קנעכט, און ניט דיין זון און טאָכטער
און אויך דיין קנעכט און דינסט, געקויפט פאַר דיין געלט,
און די קינדער זייערע מיט זיי, געבוירן אין דיין הויז,
און אויך דיין אָקס און אייזל און אַלע בהמות,
און אויך דער פרעמדער, וועלכער זיצט אין דיינע טויערן,
ווייל זעקס טעג, אין אָנהייב, אין אַמאָל
האָט גאָט דעם הימל און די ערד געמאַכט,
און אויך דעם ים, און אַלץ אין אים באַשאַפן,
און דעמאָלט האָט ער געבענטשט דעם שבת און אים געהייליקט.
און האָט גערוט אין זיבעטן טאָג, אין הייליקן טאָג.

(אידיש: י. י. ש.)

היינריך היינע

# די פרינצעסין שבת

אין די אַלטע בבא־מעשיות
קומען פאַר גלגולים־פרינצן
וואָס זיי נעמען אָן צו צייטן
זייער ערשט געשטאַלט צוריק.

אַט דער וואָלקולאַק, דער מיאוס׳ער,
איז צוריק אַ פרינץ געוואָרן,
שיינט און לייכט אין בגדי־מלכות,
שפּילט אַפילו שוין אַ ליבע.

מיט אַמאָל פאַרשווינדט דער כישוף —
און מיר זעען פּלוצים ווידער
זיינע קעניגלעכע האָהייט
אין אַ וואָלקולאַק פאַרוואַנדלט.

פון אַ פּרינץ אַ זיינעם וויל איך
זינגען איצט — ישראל הייסט ער.
אים האָט דאָס אַ מכשפה
אין אַ הונט שוין לאַנג פאַרוואַנדלט.

הונט מיט הינטישע געדאַנקען,
אויסגעוואַלגערט אַלע מיסטן;
שלעפּט ער זיך אַרום אַ גאַנצע
וואָך צו שפּאָט די גאַסן־יונגען.

אָבער יעדן פרייטיק־אָוונט,
בין־השמשות, טרעפט אַ וואונדער:
פּלוצים פאַלט פון אים דער כישוף,
אויס הונט — ווידער מענטש געוואָרן.

מענטש מיט מענטשלעכע געפילן,
ריין, געצירט אין בגדי־כבוד,
הויך זיין קאָפּ און האַרץ, דערהויבן
טרעט ער אין זיין פאָטערס פּאַלאַץ.

„זיי געגריסט, געליבטער פּאַלאַץ
פון מיין קעניגלעכן פּאָטער!
יעקב׳ס צעלטן! ציט׳ריג קוש איך
אייערע אַלטע הייליגע טירן.“

דורך גאָטס־הויז שוועבט דורך אַ ציטער,
שטיל באַוועגן זיך די ליפּן.
שאַ! די קעניגין די שכינה,
בענטשט, פאַרמאַכט די אויגן, ליכט —

גאָלד׳נע ליכט פון טרייסט און קדושה!
אויף דעם ווענטל פון דעם עמוד
גלענצט איר, ווי אַ שטערנטיכל
אויף דער מאַמעס ליבן שטערן.

פרום און צניעות׳דיק פאַרהאַנגען
מיט דעם זיידענעם פּרוכת
אין איר סאַמעטענעם מענטל
שטייט די ריינקייט אין אָרון.

שטייט און וואַרט... אָט קומט דער חזן
איינגעהילט אין ווייסן טלית
רופט ער אויס דעם זיסן אויסרוף:
„לכה דודי לקראת כלה!“

„לכה דודי — קום געליבטער,
נעם אַריין דיין שיינע כלה,
זי האָט אָפּגעדעקט איר שלייער,
איר פאַרשעמט געזיכט אַנטפּלעקט דיר.“

אָט דער שיינער שיר־ידידות
איז פאַרפאַסט שוין לאַנגע יאָרן
פון אַ וועלט־באַרימטן זינגער
לכבוד די שיינע חתן־כלה.

אין דעם מזמור ווערט באַזונגען,
ווי ישראל האָט אויף אייביק

זיך פאַר׳קנס׳ט די מלכה שבת,
וואָס מען רופט „די שטילע פירשטין״.

בלום און פערל אַלער שיינהייט
איז די מלכה! וואָס מיר, וועך מיר
מלכת־שבא צו איר פאַרגלייכן,
די, וואָס איז געפעלן שלמה׳ן...

יענע כוש׳ער שטריימל קליגט זיך
און פאַרמאָגט אַ מויל אויף שרייפלעך,
עסט זיך איין מיט אירע חכמות
און פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט חידות.

נישט ווי זי איז פירשטין שבת —
ווי אַ טויב אַ שטילע איז זי,
רואיק ווי די רו אַליין,
ווייסט ניט פון קיין איבערשפּיצלעך.

נישט געחקירה׳ט זיך, געפּלפּול׳ט,
ניט געעבריה׳ט זיך געפילדערט,
נישט געשפּריצט מיט ווערטער־פונקען,
טרייסלענדיק מיט האָר צעלאָזטע.

פרום פאַרבאָרגט די שטילע פירשטין
אירע צעפּ אין וויסן הייבל;
בליקט אַ זאַנפטע, ווי אַ הירשין,
בליט אַ שלאַנקע, ווי אַ הדס!

זי דערלויבט איר ליבסטן אַלעס,
אויסער איין זאַך — טאַבאַק רויכן;
ליבסטער, רויכן איז פאַרבאָטן,
ווייסט דאָך, היינט איז שבת־קודש.

איך וועל דיר דערפאַר באַלוינען
מיט אַ מאכל — טעם גן־עדן;
טשאָלנט הייסט ער. אָט דעם מאכל
האָט אונדז גאָט אַליין געגעבן

אַ מתּנה פון זײַן נאָמען
מיט דעם שבת פון באַרג סיני
דורך די דונערן און בליצן —
טשאָלנט זאָלסטו מיר הײַנט עסן!

אָפּגעגעסן סעודת־שבת,
זיצט דער פּרינץ און שײַנט פון תּענוג.
מיט פאַרקלעמטע אויגן קוקט ער,
רעדט עפּעס מיט זיך און שמייכלט:

הער איך נישט דעם ירדן רוישן?
איז דאָס נישט אַ קלאַנג פון קוואַלן
אין דעם פּאַלמען־טאָל פון בית־אל,
וואו סע הויערן די קעמלען?

הער איך נישט די הערדן־גלעקלעך?
איז דאָס נישט אַ קול פון שעפּסן,
וואָס דער פּאַסטעך טרײַבט אַרונטער
אָוונט־צײַט פון הרי־גלעד?

דאָך דער שײנער רו־טאָג שטייט נישט.
ווי מיט שאָטנפּיס מיט לאַנגע
שפּאַנט אַלץ נעענטער די בייזע
שלעכטע שעה. דער פּרינץ פאַרזאָרגט זיך.

קאַלטע מכשפה־פינגער
שפּירט ער קלעמען אים בײַם האַרצן,
און דעם פּרינץ נעמט דורך אַ שוידער:
באַלד אויס מענטש, צוריק אַ הונט זײַ...

די פּרינצעסין טראָגט אים אונטער
אין אַ גאָלדן רערל בשמים.
לאַנגזאַם שמעקט ער, נאָך אײנמאָל כאַטש
מיט דעם זיסן ריח זיך קוויקן.

פון פּרינצעסינס האַנט דעם לעצטן
אָפּשייד־בעכער אויסגעטרונקען,

שפריצט ער אויפן טיש די לעצטע
טראָפּנס און לעשט אויס דאָס ליכטל.

(אידיש: ח. נ. ביאַליק)

## ק. א. שאַפּיראָ

# ליכט-בענטשן

דער טיש איז געגרייט, ס׳בלאַנקט דאָס טישטעך אַרויס,
עס שימערט און פינקלט דאָס זילבער־געשיר;
דאָס עסן פאַרשמעקט איטלעך ווינקל פון הויז,
די פיש וואַרפט אָן אויג צו דער חלה אַפיר.
דער ראָזשינקע־ווייך אין קרישטאַל שעמערירט,
אין רעריקן לייכטער די ליכט שטייען גרייט;
און די באַלעבאָסטע, פאַרוואַשן, פאַרצירט,
די הויב אויפן קאָפּ, אין איר שבת׳דיק קלייד,
פאַרדעקט איר געזיכט מיט די הענט און רעדט שטיל
און גיסט אויס איר האַרץ פאַר די ליכט מיט געפיל:

לכבוד גאָט, שבת־קודש און דער הייליקער תורה
און לכבוד דער מצוה פון ליכטיקער מנורה —
אַלמעכטיקער גאָט, זאָל דיין רצון געשען,
צו באַלייכטן דעם חושך אין ליכטיקן ברען,
צו פאַרטרייבן די וואָך, וואָס פאַרכאַפּט אונדז געדיכט —
הייב איך אויף מיינע הענט אַצינד בענטשן די ליכט.

דו מלך איבער אַלע מלכים, אַלמעכטיקער גאָט,
קוק אַרונטער, מיר זיינען אויף שאַנד און אויף שפּאָט!
צוליב דיין הייליקער תורה ווערן מיר פאַרלענדט,
מיר ווערן גע׳הרג׳ט, מיר ווערן געברענט.
נאָר מיר האָבן, אַזוי ווי אַ פאַקל פון בראַנד
דאָס ליכט פון דער תורה געטראָגן אין האַנט.
דורך מאַנגל און נויט גייט די זעל אויס פון פיין,
נייערט גלויבן איז ברויט און דיין תורה איז ווייך.
פאַרפרוירן פון קעלט און פאַר׳חושכ׳ט פון שמאַרץ
איז דער פונק פון אמונה, וואָס וואַרעמט דאָס האַרץ.
מיר ווערן געטריבן, וואו די וועלט האָט אַ ברעג
און נאָר ביי דיין ליכט מיר געפינען דעם וועג.

אַלמעכטיקער גאָט, צו דיר טו איך טאָן האָפן,
אַז דיינע אויגן זאָלן אויף דעם הויז זיין אָפן;
זאָלסט דיין ברכה מיט דער פולער האַנט אונדז שיקן
און אין זכות פון צדקה זאָלן מיר באַגליקן.
פאַרנעם מיין תפילה און זאָלסט נייגן דיין אויער
און באַשירעם דאָס הויז פון ווייטיק און טרויער.
זאָל דיין חסד צו מיין מאַן דעם צדיק זיך נויגן,
אין דער הייליקער תורה זאָלן לייכטן זיינע אויגן.
שיק דיין ליכט און דיין אמת צו מיינע קינדער,
אַז זיי זאָלן דאָס ליכט פון דער שכינה דערשפּירן,
ווי די שבת־ליכט זאָל זייער חכמה שעמרירן.

אָ, גאָט פון מיין פאָטער, זאָלסט אונדז ניט פאַרשעמען,
זאָלסט איבער די שטילע וואַסערן מיין תפילה נעמען —
אויף די וואַסערן, וואָס שטראָמען אַרויס פון גן־עדן,
גיבן כבוד דעם שבת און נחת און פריידן.
מאַך זי רוען צווישן די ביימער דאָרטן
ביי די געצעלטן פון צדיקים אין פּראַכטיקן גאָרטן,
וואו דאָס שבת־ליכט טוט פון אַלע שפּאַלטן דרינגען,
וואו אַ קול טוט פון הימלשן פענצטער זינגען.
די מלאכי־שלום זינגען פון די צווייגן אַלע
און גיבן אָפּ כבוד דער מלכה־שבת, דער כלה.
און די לויטערע נשמות טוען אין ליבשאַפט הערן,
אויף די זון און לבנה זינגען און די ליכטיקע שטערן
טובל׳ען זיך לכבוד שבת אין די קוואַלן פון לעבן —
און גאָטס גייסט טוט איבערן וואַסער שוועבן!

אויך איך, דיין דינסט, האָב מיין האַרץ אויפגעבונדן,
האָב די הייליקע ליכט פון שבת אָנגעצונדן.
זאָל מיין מצוה ביי דיר אין די אויגן ניט זיין גרינגער
פון די תרי״ג מצוות, פאַרשריבן מיט גאָטס פינגער.
באַלויכט די שוואַרצע נאַכט, זאָלסט אונדז וואונדער באַווייזן,
גיב מיר כוחות מיין הויזגעזינט ערלעך צו שפּייזן;
זאָל קיינס פון מיינע קינדער ניט ווערן אָפּגעריסן,
אַז מיר זאָלן פון צער און ווייטיק ניט וויסן.
איך זאָל זוכה זיין, זיי זאָלן מיין עלטער באַצירן,
לתורה, לחופה ולמעשים טובים זיי פירן.

דאָס בלוט פון ירושלים זאָל זיך אָפּוואַשן מיט מיינע טרערן,
איך זאָל דערלעבן דעם שופר־של־משיח צו הערן;
די שטאָט זאָל ווערן אויפגעריכט אין דיין נאָמען,
און איך זאָל זוכה זיין צינדן ליכט אין ציון — אָמן!

(אידיש: י. י. ש.)

י. ל. פּרץ

## פראַגמענט פון „גאָלדענער קייט"

אין שוואַרצן אָנגעטאָן,
אין שוואַרצן איינגעהילט,
די נשמה פון דער וועלט
די שכינה ברומט
און וויינט, טרויערט...
און ס'צאַפּלט
אין אייגענעם בלוט פאַרטרונקען
ס'האַרץ פון דער וועלט...
אויסגעלעזט פון פּיין און שרעק
מוז ווערן — —
די וועלט!
איך מאַך קיין הבדלה נישט!

ברוגז'ט זיך דער הימל!
פאַרוואָס מאַכט ער, שלמה'לע,
קיין הבדלה נישט!
אָנגעפלויגן זיינען דאָך
נשמה'לעך,
צוריקגערופענע פקדונות'לעך...
צי האָבן זיך די טייבעלעך
אין דער נידער נישט באַפלעקט?
צי פעלט נישט וועם' אַ פליגעלע?
נישט אויסגעצופּט אַ פעדערל?
באַקוקן מוז מען זיי!
און צו משפּט'ן גרייט
שטייט דאָס בית־דין של מעלה...
אין עטרות גאָלדענע,
קרוינען ריין בריליאַנטענע,

און זיי ווילן זעצן זיך
משפט׳ן און פסקנ׳ען...

און די נשמה׳לעך — —
פלאַטערן...
ס׳ציטערן די פקדונות׳לעך
מאימת יום־הדין!
מאימת יום־הדין!

ציטערט נישט,
פלאַטערט נישט!
שלמה׳מע מאַכט קיין הבדלה נישט...
מען וועט נישט — משפט׳ן!
(ווינטן בלאָזן,
יאָגן זיך, טרייבן...
אַרום הויז טרייבן זיי...
אַרום הויז...)

כעס׳ט זיך, הייסט עס, ס׳גיהנום,
שיקט זיינע שליחים אַרויס!
שוואַרצע פייגל פלאַטערן אַרום אין ווינט,
דער שוואַרצער הונט אויף דער קייט דאָרט
וואַרפט זיך!
שבת־קודש איז אַריבער,
דער סמבטיון שלאָגט,
און שלמה האָט זיך איינגעשפּאַרט,
הבדלה מאַכן — וויל ער נישט!
קעסלען — אונטערגעהייצט;
קאָכן זיי,
זידן זיי...
רויטיקע פלאַמען הויבן זיך, וויקלען זיך,
פּעטע, ברענעדיקע כמאַרעס...
„קומט צוריק, רשעים,
„אויף שרעק און פּיין
„אויף יסורים רעים,
„אויף ענויים קשים...
„פאַרוואָס קומט איר נישט צוריק?״

און די אָרעמע נשמה׳לעך
די פאַרפלעקטע, די פאַרזינדיקטע —
אַז שבת־קודש לעשט זיך אויס,
ווייסן זיי
און ציטערן...
און טשעפּן זיך
און כאַפּן זיך...
מיט די שוואַרצע פליגעלעך,
מיט אויסגעצופּטע פעדערלעך
צו די שנעבעלעך
און קלאַמערן, קלאַמערן זיך
מיט די צאַפּלדיקע הערצעלעך
צו די וואָלקנדלעך,
און ציטערן...
ציטערן!

ציטערט נישט!
צאַפּלט נישט...
פליט איך, פראַנק און פריי אַרום —
וואו אירווילט,
וואו אַ ווינטל טראָגט —
איך מאַך קיין הבדלה נישט!

שבת זאָל זיין, שבת!
מיט צוואַנגען האַלט איך שבת איין!
נישט געפּסקנ׳ט, נישט געשטראָפט!
עס הענגט אין דער הויך דאָרט אַ וואָג
פאַרן כסא־הכבוד...
וויגט זיך, וויגט זיך די וואָג —
ס׳צינגעלע צאַפּלט, צאַפּלט...
אַ מצוה׳לע טוט אַ איד
און — אַן עבירה׳לע...
נישט כולו חייב,
נישט כולו זכאי —
צאַפּלט זי...
און אל רחום וחנון קוקט —
העלפן קען ער נישט...

און זיצט ער, משיח,
אין די טויערן פון רוים
און וואַרט!
גיין קען ער נישט...
די וואונדן היילן זיך נישט,
ער בינדט זיי צו —
און גיין, לעזן אויס די וועלט
קען ער נישט!
און קיין כוח צו וואַרטן איז נישטאָ...
אין מרה־שחורה זינקט אַריין די וועלט.
אויסגעלעזט מוז ווערן די וועלט!

שבת זאָל זיין!
שבת!
נישט געאַקערט,
נישט געזייט.
נישט געבויט און נישט פאַרריכט...
נישט געהאַנדלט, נישט געוואַנדלט...

(חרוב זאָל ווערן די וועלט?)

חרוב זאָל ווערן די וועלט!
און מיר —
מיר שבת׳דיקע,
מיר נשמה־יתירה׳דיקע אידן,
וועלן איבער אירע חורבות גיין...
צו אים, צו אים!
זינגענדיק און טאַנצנדיק וועלן מיר גיין
צו אים!

זינגט מיט מיר!
טאַנצט מיט מיר!

און אַזוי!
אַזוי גייען מיר,
זינגענדיק און טאַנצנדיק...
מיר גרויסע, גרויסע אידן,

שבת־יום־טוב׳דיקע אידן,
די נשמות פלאַקערן!
פאַר אונדז — וואָלקן שפּאַלטן זיך!
הימלען — פראַלן די טויערן אויף!
אין ענן־הכבוד שווימען מיר אַריין
צום כסא־הכבוד צו,
צום כסא־הכבוד צו!
אויפן אבן שיש טהור
שטייען מיר!
און מיר בעטן נישט,
און מיר בעטן נישט,
גרויסע שטאָלצע אידן זיינען מיר!
מיר זאָגן אים:
לענגער וואַרטן נישט געקענט!
שיר־השירים זינגען מיר,
זינגענדיק, טאַנצנדיק גייען מיר!

## חיים נחמן ביאַליק

# מיין מאַמע, זכרונה לברכה...

(פון וולעדניקער רבינ׳ס מעשיות)

מיין מאַמע, זכרונה לברכה, געווען איז אַ גרויסע צדקת,
אַ וויסטע אַלמנה געזעסן.
איין פרייטיק פאַרנאַכט — ס׳גליט די שקיעה אין שפּיצן פון ביימער
און אין שטוב — נישט קיין ליכט, נישט קיין עסן.

זי זוכט — און מיט נסים פון הימל — געפונען צוויי פּרוטות —
„ברויט אָדער ליכט?" — מיט דער דעה געשלאָגן.
זי לויפט, קומט צוריק — אין איר מאָגערער האַנט אַ מתנה:
צוויי ליכט אויף צום בענטשן געטראָגן.

דער הימל פאַרמאָגט זיבן שטערן, דער שבת דער מאַמע׳ס
האָט אויך זיבן ליכט, זיבן שטראַמען;
וועט גאָט דען פאַרשטערן זיין שבת? — און וואָס קען זי העלפן?
געלויבט פאַר די צוויי איז זיין נאָמען!

ווען בענטשן די ליכט אויף אַ ליידיקן טישטעך, אָן חלה —
פאַרפוצט זיך אין הויב אין דער ברייטער;
געביטן איר קלייד און זיך מכין געווען פאַר גאָט,
פאַרן הייליקן שבת אַ גרייטע.

געצונדן די ליכט — האָט זי מער ניט געקענט זיך באַהערשן,
ווייל ס׳האָרץ האָט מיט בלוט זיך באַגאָסן;
אַרויס מיט געוויין, און אַ טרער איז אַרונטערגעפאַלן —
אין ליכט איז געוואָרן פאַרלאָשן.

פאַרשעמט, איז דער שבת אויף איין אויג אַ בלינדער געשטאַנען —
די פרוי איז פאַרציטערט געבליבן:
„פאַרשעמסט אָן אלמנה׳ס אַ גאָב? אויב דיין דינסט האָט געזינדיקט,
„צו וואָס נאָך דעם שבת באַטריבן?

„וואָס האָסטו זיין אויג אויסגעשטאָכן?" — מיט אויגן פאַרמאַכטע,
פאַרדעקט מיט די הענט און פאַרביטערט,
אין פאַרקלעמטן געוויין און אין פלאַמיקער תפילה
האָבן פלייצעס און הויב אומגעציטערט.

אין האַרץ האָבן תהום׳ען געברויזט. די אמהות און כרובים
זיי האָבן פון האַלז זיך געריסן —
ס׳האָט די שכינה נאָך קיינמאָל געהערט און געזען,
ווי אַ מענטש טוט אַזוי זיך צעגיסן.

און דאַן איז נאָך איינע אַ טרער פון צדקת געפאַלן,
אַ זודיקער פלאַם פון די גרונטן —
און טאָפּלט איז ליכטיק געוואָרן: ס׳פאַרלאָשענע ליכטל
האָט נאָכאַמאָל זיך אָנגעצונדן.

און ווען ס׳האָט די מאַמע געעפנט די אויגן, האָט ליכט פון בראשית
פון זיי זיך געגאָסן אין שטראָמען,
ווייל ס׳האָט זיי די שכינה געקושט. דער זכות פון צדקת זאָל
ביישטיין אונדז און אַלע אידן. אָמן!

(אידיש: י. י. ש.)

## שאול טשערניכאָווסקי

# שבת-צו-נאַכט

פלאַקערט דער מערב אין פלאַמען
אונטערן גאָלדשיין אַצינד ;
שטראַל פונעם זונליכט דער לעצטער
ציטערט און פלאַטערט און שווינדט.

יאָגן זיך שאָטנס נאָך שאָטנס,
דעקן דעם וועלדל איין שטיל ;
ווינטל פון לאַנקע פון ברייטער
ווייט איצט פאַמעלעך און קיל.

גאָלדיקט דער סערפּ פון לבנה,
קוקט שטיל אַראָפּ צו דער ערד ;
צוויטשערט אַ פויגל זיין נאַכטליד,
צוויטשערט — און באַלד אויפגעהערט.

בליצט אויף גאָר פּלוצים אַ שטערן,
צינדט זיך אַ צווייטער און שטראַלט —
ווערט שוין געענוג זיין צו וואַרטן,
צייט דאַוונען מעריב שוין באַלד.

נאָר ניט געאײַלט מיט די תּפילות,
גיט צו צום שבת פון וואָך ;
זינדיקע בלודנע נשמות
זאָלן זיך אָפּרוען נאָך.

מענטש האָט באַגזל'ט זיין חבר,
מענטש האָט געזינדיקט צו גאָט —
זעקס טעג פון וואָך אינעם גיהנום
ווערן געברענט און געבראָט ;

ווערן געברענט און געפּייניקט
פאַר זייער זינד נאָכן טויט —
קומט אָבער אָן ערבֿ־שבת,
הימל צעפלאַקערט זיך רויט,

שטייען די טויערן פון גיהנום
צעשפּאַנטע, צעעפנטע ווייט;
דונערט אַ קול דאָן אַ מעכטיקס:
ס׳איז שבת! ווערט אַלע באַפרייט!

אין טאָל פון פאַרניכטונג און עלנט,
אין אייז און אין פלאַמענגעדראַנג —
דרינגט איצט דער רוף פון באַפרייאונג,
אַ וואונדערלעך צויבערגעזאַנג!

דרינגט אריין טיף אין נשמות
אין פייער פון ספקות און וויי —
קלינגט ווי געזאַנג פון מלאכים
און זאָגט צו דעם צווייפל: פאַרגיי!

דרינגט אינעם מענטשן־האַסער,
האַרץ, וואָס פאַרוירן פון קעלט,
דרינגט דאָרט מיט פרילינג און דופטן,
אין האָפנונג און ליכט אויף דער וועלט.

און אַלע צעבראָכענע הערצער,
געמיינט, זיינען טויט שוין פון לאַנג
זינגען אַרויס ממעמקים
פון גלויבן און גליק דאָס געזאַנג.

העכער, אַלץ העכער צעשטראַלט זיך
ס׳האַרץ דאָס צעטראָטנס אין בלוט...
גן־עדן און גיהנום אין ציטער —
וואָס פלאַטערט דער מערב אין גלות?

שווייגנדיק שפּרייטן זיך שאָטנס
אין טרויער: דער טאָג איז אַוועק.
געענדיקט דאָס דאַוונען — עס שליסט זיך
דער טויער פון תהומיקן שרעק.

„ברוך המעריב ערבים״,
„מבדיל בין קודש לחול״...

פאַמעלעך נאָר, אויך „ויהי נועם"
זינגען מיר הויך אויפן קול!

(אידיש: י. י. ש.)

## מאָריס ראָזענפעלד

### שבת־חזון

דער שבת־חזון האָט געבראַכט
צוריק דעם פאַרגעסענעם חלום;
דער חזן זינגט טרויעריק און זאָגט
דעם אומעטיקן „בואי בשלום".

דער רב שאָקלט שטיל מיטן קאָפּ,
דעם עולם באַפאַלט אַזאַ בענקען,
דער חורבן דער אַלטער לעבט אָפּ
און הייבט זיך אָן ווידער געדענקען.

## יהואָש

### מזמור שיר ליום השבת

„מזמור שיר ליום השבת!"
ווי עס גיסט זיך דורכן האַרצן
אַזוי יום־טוב'דיק און פריילעך
אין אַ כאָר פון זיסע קלאַנגען:
„מזמור שיר ליום השבת!"

„מזמור שיר ליום השבת!"
ס'שטאַמט דאָס ליד ניט פון קיין מענטשן,
נאָר מלאכים ווייסע האָבן
דאָס געזונגען אין גן־עדן
אין דעם ערשטן הויכן שבת
נאָך דער גרויסער וועלט־באַשאַפונג;
און די זונען און די שטערן —
אַלע האָבן מיטגעזונגען:
„מזמור שיר ליום השבת!"

יאָ, די זונען און די שטערן,
וועלכע האָבן נאָך קיין טרערן
ניט געזען אויף אונדזער וועלטל
האָבן שטראַלנדיק געזונגען
מיט די שניי־ווייסע מלאכים:
„מזמור שיר ליום השבת!"

און די פייגלען פון גן־עדן
אינעם כאָר אַריינגעשאָסן
האָבן אַ פאַנטאַן מיט טרעלן
און געסוויסטשעט און געטרילערט:
„מזמור שיר ליום השבת!"

און די בלומען פון גן־עדן
האָבן שעמעוודיק געוויגט זיך,
האָבן אויפן פאַרביק־דופטיק
בלומען־לשון מיטגעזונגען:
„מזמור שיר ליום השבת!"

און די גרויסע ריזנביימער
האָבן צוגעלייגט אַן אויער,
איינגעבויגן זיך מיט ערנסט
און געשאַרשקעט און געשושקעט:
„מזמור שיר ליום השבת!"

אויף זיין כסא־כבוד דעמאָלט
מיט אַ געטלעך־גוטן שמייכל
האָט דער בורא מיטגעזונגען:
„מזמור שיר ליום השבת!"

## א. ליעסין

### א

## שבת פאַרנאַכט

אַן אַלטע פאַרגעסענע שטימונג,
אַ בילד פון מיין קינדהייט דערוואַכט —
עס שטייט פאַר מיר אויף דער בית־מדרש
אין טרויער פון שבת־פאַרנאַכט.

דער שטאַרבנדער שבת־שטראַל רויטלט
געזיכטער און שטענדערס און ווענט
און לעשט זיך באַלד אויס אין די שאָטנס:
דער הייליקער טאָג איז צו ענד!

אַלץ פינצטערער ווערן די פענצטער,
אַלץ בענקענדער ווערט דאָס געברום;
עס זעגנט זיך אָפּ מיטן שבת
דער הושענדער עולם אַרום.

עס שווינדט אין דעם חושך דער שבת,
עס הוזשעט די בענקעניש שווער
אין טאָן פון דעם תהלים, ביים עולם,
וואָס האָוועט אַרום הין און הער.

איך זיץ אָן אַ זייט, אין אַ ווינקל,
און קוק אויף דער האָוועניש שטום,
פאַרוויגט פון דעם טונקעלן טומל,
באַנומען פון טרויער אַרום.

איך קוק אויף די מענטשן און שאָטנס,
וואָס מישן זיך אומעטיק אויס,
און פיל אַזאַ צער פאַרן שבת
וואָס פליט אין דעם חושך אַרויס.

איך פיל אַזאַ צער, וואָס דער הימל
צעברענט זיך און פינצטערט און שרעקט;
איך ווייס דאָך די סודות די בייזע,
וואָס ליגן אין פייער פאַרדעקט.

אַלץ פינצטערער ווערן די פענצטער,
איך קוק אויפן הימל און טראַכט:
באַלד־באַלד און זי לאָזט זיך אַרונטער
די וואָכיקע שבת צו נאַכט.

באַלד פאַטשט אויף דער בימה דער שמש,
באַלד קרעכצט שוין דער מעריב אַרויס;

און אויבן אין ברענענדן הימל
ברעכט ווילד די בהלה אַרויס.

מלאכי חבלה דערשיינען
פול אויגן און פלאַמען אין בליק;
זיי טרייבן אַריין די רשעים
אין פייער פון גיהנום צוריק.

אויס שבת, צוריק אינדערוואָכן!
אַט דוכט זיך מיר אויס, אַז איך הער
די וויסטע, די ווילדע יללה —
אַן אומעט פאַלט אַן אַזוי שווער.

עס גייען די וויסטע רשעים
אין גיהנום אַריין מיט געוויין;
אויס שבת, צוריק אינדערוואָכן,
מ׳דאַרף מאָרגן אין חדר שוין גיין.

די אַלטע, די קינדערשע שטימונג,
ווי שמערצלעך זי פייניקט מיך נאָך;
וואָס טויג ער, דער פריילעכער שבת,
ווען ענדלעך מוז קומען די וואָך.

אַלץ פינצטערער ווערן די פענצטער,
דער הימל פאַרטונקלט אַלץ מער,
באַלד טוט ער אַ פּאַטש שוין דער שמש —
אַן אומעט פאַלט אַן אַזוי שווער!

ב

## דער קאַפּיטל קוף יוד טית

כמעט כלוני בארץ
ואני לא עזבתי פקדיך
(תהלים קי״ט, פ״ז)

דער קאַפּיטל — קלאַנגען פון יהודה׳ס שטרייט,
וואָס מען הערט אין קלויזן זיי אַמאָל
שבת אָוונט, אין פאַר־מעריב׳דיקער צייט
דורכן חושך, פון אַ סומנעם קול.

זע איך זיך אין קלויז — אַ אינגל, שטיל, פֿאַרטראַכט,
אין דעם אומעט דעם צעגאַסענעם —
זיץ ביים טיש און זע די עדה, ווי זי שמאַכט
נאָכן שבת דעם פֿאַרלאָשענעם.

ווי מען פֿליט רק הין און הער פֿאַרביי דעם טיש
פֿון דער וואָכיקייט דער קומענדער —
מענטשן, מענטשן אין אַ פֿינצטערן געמיש,
אין אַן עצבות אין אַ ברומענדער.

לאָזט ער פֿלוצלונג הערן זיך, דער סומנער קול,
מיט די פּסוקים די באַצויבערטע;
שיינען אויגן אויף אין חושך מיטאַמאָל,
דורך די שאָטנס די צעשויבערטע.

ווי עס וואָלט אַראָפּ אַ פֿייערלעכע רו,
וואו פֿון אור־אַלט אַ פֿאַרטראַגענע:
ווי אַ ליכטיקייט וואָלט אויפֿגעגאַנגען וואו,
פֿון דער ווייט אַן אָפּגעשלאָגענע.

ווער האָט אָנגעצונדן מונטערקייט אין בליק
ביי די שמייאיקע און שמאַכטיקע?
ווער האָט אומגעקערט אַ יום־טוב־זון צוריק
צו די וואָכיקע און נאַכטיקע?

האָט אַמאָל אַ פֿייער־וואָגן דורכגעבליצט —
ווייט אין אַזיע, אין אַ פֿלאַם־געברויז;
האָבן פֿונקען זיך פֿון אונטער אים צעשפּריצט
אַזש צו אונדז אין דער פֿאַרשנייטער קלויז.

פֿליען זיי דורך איין און צוואַנציק הונדערט יאָר
מיטן חלום מיטן שייניקן,
ווען עס ווערט אונדז וויסט און פֿינצטער אויף דער וואָר
און די בענקשאַפֿט נעמט אונדז פּייניקן.

פֿליען זיי מיט מיר פֿון ווייטער קינדהייט מיט,
שבת אָוונט אויפֿגעגאַנגענע;

פליט מיט זיי מיין האַרץ און מיטן האַרץ מיין ליד,
פון דעם סומנעם קול געפאַנגענע.

דער קאַפּיטל קוף יוד טית! ווי אין זיין ברען
טו איך אַלץ די אַנגעצונדענע
אויגן פון די דורות אין דעם חושך זען —
קיינמאַל־קיינמאַל ניט פאַרשוואונדענע!

וואו די מדבר־פעלזן פון יהודה׳ס שטרייט
קוקן הויל אין זון אין בלענדיקער,
קומט ער, דער קאַפּיטל, אויף — און בלייבט אין צייט,
ווי דער באַרג אין זון, אַ שטענדיקער.

טרייסט און טרויער — דער קאַפּיטל קוף יוד טית,
אַלץ דורך איין און צוואַנציק הונדערט יאָר,
דער ראָמאַנס פון דער געשיכטע און דער נס,
אָן קיין גלייכן, איינער־איינער גאָר.

## אברהם רייזען

א.

### שבת פאַרנאַכט

...געדענקסטו די צייטן פון דאַמלט:
אַ ליבער אַ שבת פאַרנאַכט;
עס האָט אין איין הויז זיך פאַרזאַמלט
די יוגנט און פריילעך פאַרבראַכט.

עס זיינען געווען דאָרט פיל יונגען
און מיידלעך אַ סך, גאָר אַ סך...
מיר האָבן געטאַנצט און געזונגען,
פאַרגעסן דעם וואָכיקן שמאַך.

ווי גרויס איז געווען די שמחה:
אַ פרייהייט, אַ פרייהייט אָן ברעג!
דער טאַטע אַוועק איז צו מנחה,
די מאַמע צו שכנות אַוועק.

די וועלט איז דאָך אונדז'רע אינגאַנצן,
דער טאַטע זאָגט תהלים אין שול,
און שטערט ניט צו זינגען און טאַנצן,
מיר ווערן פאַר שמחה ווי דול.

נאָר באַלד הייבט אָן טונקעלער ווערן,
מיר קוקן אין פענצטער אַרויס:
עס ווינקען אין הימל דריי שטערן
און שעפּטשען: דער שבת איז אויס.

און ביילקע, די טאָכטער, ווערט קילער
און ווענדט זיך ווי דורך אַ געוויין:
חברים און חבר'טעס, שטילער!
דער טאַטע — ער קומט באַלד צו גיין!

די יוגנט צעגייט זיך פאַמעלעך,
דאָס הויז — ווי אָן פייגל אַ נעסט.
און דאָ וואו געווען איז ערשט פריילעך
אָן אומעט, אַ דריקנדער פרעסט!

ב.

## שבת אין ניו־יאָרק

דער פאָטער קומט פרייטיק פאַרנאַכט
פון פינצטערן שאַפּ אַזוי מיד:
נאָר ס'האָט זיין נשמה דערוואַכט
און זינגט שוין איר שבת'דיק ליד.

די מוטער, די אָרעמע פרוי,
— צעקנייטשט פאַר דער צייט דאָס געזיכט —
צעזיפצט זיך: ס'איז שפּעט שוין אַזוי,
און נעמט זיך צו צינדן די ליכט.

די קינדער — דערצויגן שוין דאָ —
פאַרשפּילטע אין „באַל" און אין „פייט",
דערפילן די הערלעכע שעה
און ס'קוקן די אויגעלעך ווייט...

עס שוועבט פאַר די אויגן די היים —
פאַרגעסן, פאַרגעסט זי זיך ניט!
און ס'דאַכט: עס צעבליט זיך דער בוים
אויף מעדיסאָנס שטיינערנער סטריט.

## א. ש. שוואַרץ

# קבלת־שבת

די ליכטיקע שפּורן פון שקיעה פאַרשווינדן,
די בלויקייט פון הימל נעמט טונקעלער ווערן;
עס לעשט זיך די רויטקייט די לעצטע פון מערב
און ס'ווינקען זיך איבער געצונדענע שטערן.

עס פלאַטערן, שוועבן אין לופטן חלומות,
און ס'ציען זיך ווייסינקע נעפּלען און שטילע;
דער סאָסנע־וואַלד וויקלט זיך איין אין אַ בלויקייט
און שטייט אַ פאַרטיפטער אין נאַכטיקער תפילה.

עס ציט ווי אַ זילבערנער שנור זיך דער טייך דאָרט
און שעפּטשעט אין דרימל, טוט שטיל זיך באַוועגן;
און ס'בויגן זיך גרינע די טונקעלע ווערבעס
באַשפּריצטע מיט נאַכטיקן טוי אויף די ברעגן.

עס גייט אויף דער ריח פון וואַלד און פון ראָסע
און שפּרייט זיך און קומט און שווימט אָן אין דערלופטן;
און ס'אָטעמט מיט וואַלד און מיט בלומען מיט ווילדע
און גרייכט ביז צו דאַנען מיט כוואַליעס פון דופטן.

און ס'זאַפּן די קליינע די נידעריקע שטיבער
די שלווה פון אָונט אַריין און די שטילקייט;
און ס'שטראָמען אַריין דורך צעעפנטע פענצטער
די דופטיקע ריחות און לויטערע קילקייט.

און צניעות'דיק פינקלען אַרויס פון די שטיבער
די פלעמלעך פון שבת־ליכט שטילע און צאַרטע,
וואָס לויכטן אין טונקעלער בלויקייט פון אָונט
געבענטשטע מיט גאָלדיקן ליכט און געגאַרטע.

פון ערגעץ דערטראָגט זיך די שירה פון שבת
און קומט פון דער ווייטנס מיט איידעלן ניגון,
ווי ס׳ריזלען פון בערג די פאַרבאַרגענע קוואַלן
און טוען מיט שטילן געזאַנג אַלץ פאַרוויגן.

און פול איז דאָס ליד מיט אַ צערטלעכן קומער,
מיט נאַכטיקער שלווה און ליכטיקע פריידן,
מיט לעכצן פון גלויביקער צאַרטער נשמה,
וואָס ברעכט אַלע וואָכיקע פענטעס און קייטן.

אַלץ טיפער און טיפער צעוואַקסט זיך די שטילקייט,
און ס׳ווערט אויך די בלויקייט פון אַוונט אַלץ בלויער;
די וועלט שטייט אַנטשוויגן, פאַרטייעט איר אָטעם,
און לייגט צו צום ליד פונעם שבת איר אויער.

אַרום ליגט די מנוחה און קדושה צעגאָסן
און הייליקע סודות און ליכטיקע וואונדער;
און ס׳נידערן גוטע מלאכים און פאָכן
צו דר׳ערד מיט די זיידענע פליגל אַרונטער.

(אידיש: י. י. שוואַרץ)

י. אַדלער

## שבת בין השמשות

עס גייט שוין אַוועק זיך
דער הייליקער שבת.
אין שטיבל איז פינצטער,
אין שטיבל איז שטיל;
עס שעפטשעט די מאַמע:
„אָך, גאָט פון אַברהם״ —
זי שעפטשעט די תפילה
מיט האַרץ און געפיל.

„אָך, גאָט פון אַברהם
פון יצחק און יעקב,
פאַרנעם דאָך מיין תפילה
אין הימלס געצעלט;

און שיק מיר פרנסה
און ריכט־אויף מיין מזל,
און ליכטיק זאָל ווערן
מיין פינצטערע וועלט!"

ה. רויזנבלאַט

## „גאָט פון אברהם"

אוי, באָבעניו, זאָג נאָך ניט „גאָט פון אַברהם"
וואָס איז דאָס מיט דיר היינט דער אייל?
אין מערב־זייט איז נאָך די זון ניט פאַרגאַנגען,
אוי, באָבעניו, וואַרט נאָך אַ ווייל!

צעשטער ניט דעם פרידן פון הייליקן שבת,
די שטילע, די הייליקע רו;
מען זעט נאָך ניט שיינען אין הימל קיין שטערן,
אוי, וואַרט כאָטש אַ רגע'לע צו.

דער „גאָט פון אַברהם" ער שפאַנט אונדז צוריק אין
אין שווערן טאָג־טעגלעכן יאָך —
צו שלעפּן דעם גלות, דעם חדר, דעם רבי'ן,
דעם עול און די דאגות פון וואָך...

דאָך בלייבט ווי פאַרשטיינערט ביים פענצטער די באָבע,
זי איז צו מיין בעטן ווי טויב.
אוי, „גאָט פון אַברהם", און ס'קייקלט אַראָפּ זיך
אַ טרער אויף דער טונקעלער שויב.

יוסף ראָלניק

## אַ שבת־צו־נאַכט אין ניו־יאָרק

ס'איז גוט אין רעסטאָראַן צו זיצן
אַ שבת־נאַכט וואו ביי אַ וואַנט ,
אַ פרעמדער ביי אַ לעצטן טישל,
די ניט דערטרונקענע גלאָז אין האַנט.

עס קלינגען גלעזער, גאָפּל, מעסער
עס קלינגט די טיר, דער רעדזשיסטער ;
דער קעלנער, אָנגעטאָן אין ווייסן,
מיט שפּרונגען־טריט איילט הין און הער.

און מענטשן גייען, מענטשן קומען,
די גאָס־טיר קלינגלט נאָכאַנאַנד ;
און טישלעך ווערן פול און ליידיק —
אָט קלייבט פון טיש צונויף אַ האַנט.

אַ מיידל שטעלט זיך אויף צום שפּיגל,
פאַרריכט דעם וויִיל אויף איר געזיכט —
און אַלץ געשעט ווי אין אַ חלום
פאַרשלייערט, פרעמד און אומגעריכט.

די טיר שפּרינגט אויף. עס קומט צופליצן
אַ כוואַליע ווינטן פון דער גאַס :
אַ איד ברענגט צייטונגען אַ פּעקל,
די ווערטער ערשט פון דרוק, נאָך נאַס.

אַ בחור קומט־צו צו מיין טישל
און זעצט זיך ברייטלעך ביי מיין זייט ;
דערציילט : עס וועט אַרויס אַ צייטונג —
מיין קאַפע איז טויזנט מיילן ווייט...

איך זע אַ מיל : אַ פולע גויים,
און שטיינער מאָלן מעל אויף ברויט ;
אַ שורה אויפגעלייזטע זעקלעך —
ס'האַלט יעדער גוי זיין זאַק געגרייט.

דער טאַטע גייט פאַרויס ; דער מילנער
גייט הינטן מיט אַ מעסטל נאָך ;
און נעמט פון יעדן זעקל „מעסטל״ —
אַ גוטער אָנהייב אויף דער וואָך.

## ז. שניאור

### א.

# אַ לויבגעזאַנג דער מלכה

ווי אַ פיינער קאָנסערווירטער אתרוג־ריח
האָט מיר אַ וויי־געטאָן דיין דופט,
פון טאַטנס אויפגעמאַכטן ירושה־סידור;
אַ קבר האָב איך אויפגעריסן, און געפונען
דיין ווייסע ליליע אויף דיין שוואַרצן גרונט.
און ס'איז אַ ליכטיקייט מיר אויפגעגאַנגען
צוזאַמען מיט די פסוקים פון „לכה־דודי":
אַז אַלע שטרייטן, אַלע וועלט־מלחמות,
פון פעלקער און פון קלאַסן —
האָבן אויפגעפלאַקערט, אַלע מאָל און אומעטום,
צוליב דיר אַליין, פרינצעסין־שבת!
נאָר פון דיינעטוועגן — באַוואוסטזיניק צי ניט —
האָבן לענדער זיך געשאָכטן מיטאַנאַנדער
זיך יאָגנדיק כסדר, דור נאָך דור,
נאָך דיין ליבן שווינדנדיקן שאָטן.
דער בידנער פויער און דער הוילער קנעכט,
דער אַרבעטער — פאַרהאָרעוועט און ביטער,
דער סאַטראַפּ, דער האַר און אונטערדריקער,
נאָר דיר צוליב און אום דיין ליבע,
האָבן שטענדיק גרויזאַם זיך פאַרמאָסטן, —
איינער מיטן מיסטגאָפּל, דער צווייטער מיט דער האַק,
די אַנדערע — מיט שווערד און סצעפּטער.
דער כוהן מיט זיין רויכער־פאַן, דער פאַריאַס
מיט זיין קרומען, סוקעוואַטן פלאַקן,
געזען האָבן נאָר אין דיר די מאַכט,
געפילט דעם אָטעם פון באַפרייאונג.
איר שיין איז אומעטום מיט דיר געקומען,
און דיין פאַרשווינדן איז געווען: דער בין־השמשות
פון מענטשן־רעכט. דער שטאָלץ פון גייסט געבראָכן.
די קנעכטשאַפט קומט אָן ווידער.
באַלויכטן האָבן דיינע צניעות'דיקע בענטשליכט
די שווינדל־טרעפּ פון קוילן־גרעבער,

דעם שטעג פון קינסטלער און פון פרינצן.
פון אַלע פלאַגן פאַרביקע האָסטו געווייעט;
טיראַנישע באַזיגער און מאַרטירער,
די וואָס שמידן קייטן, די וואָס רייסן זיי,
זיי אַלע האָבן דאָך געקעמפט, אונטער דיין פאָן,
פאַר גאַנצע זיבן טעג פון ליידיקגיין,
פאַר זיבן אַרבעט־שעה...
צוליב דיר אַליין די אַלע שטורעמס.
איין געהיימע ליידנשאַפט האָט זיי באַגייסטערט,
איין קנאה האָט זיי אַלעמען געמאַטערט:
ווער וועט ירש׳ענען דיין רייך מיט דיר צוזאַמען,
דיין ליבע ווער וועט נאָכן קאַמף געניסן?
ווער וועט רוען אין דיין ווייסן שויס,
פון מי און זאָרגן מער ניט וויסן?
און ווער וועט שטענדיק עסן ברויט אין שווייס,
זיינע טעג פאַרשווענדן, ביזקל טויט־אַריין,
אין איין וואָכעדיקער גרויקייט;
די אויגן אויסקוקן נאָך דיין ליכטיק פנים
און אויסגיין אין זיין בענקשאַפט?

אַ סך באַ׳עוולה׳טע זיינען נאָך פאַראַן,
וואָס ציילן די מינוטן פון דיין גנאָד,
ווי גראָשנס קופערנע, אין זייער טאַרבע;
און אַזוינע — וועלכע זיינען זאַט און איבערזעטיקט
מיט דיין רו און געטלעכקייט;
וועמעס לעבן ס׳איז שוין לאַנג געוואָרן
איין געשמאַקלאָזער, איין גענעץ־פולער שבת.
אין דעם איז דאָך פאַרבאָרגן דער סוד דיינער,
דיין שטילע גרויסקייט:—
וואָס ווייניקער דו גיבסט, וואָס קאַרגער מען געניסט,
אַלע טייערער — דיין ווערט, אַלץ טיפער איז דיין קוואַל.
און אַ סם ווערסטו, אַ שכורע נודאַטע,
אַ לאַנגזאַם־אַלץ־צעשטערנדיקער גיפט —
פאַר די וואָס טרינקען צופיל פון דיין בעכער,
ווי זשעדנע פערד פון קאַריטע;
און אַ לאַנגווייל־תפיסה ווערסטו,
אַ רויכערדיקער גיהנום,

פאַר רשעים ליידיק־גייער,
אין שטענדיקן, בלוט־אָרעמען פאַרברעכן —
פון גאָרניט טאָן, פון גאָרניט שאַפן...

פאַררעטער טעמפּע, וועלכע קליגלען זיך
דיין גרויסן נאָמען צו פאַרשוועכן,
דיין צויבער צו פאַרשפּאַטן,
די וואָכעדיקע טעג — נאָך וואָכעדיקער מאַכן,
און דיך — מיט זיי צוזאַמען —
אפילו די, ניט וויסנדיק אַליין,
פאַרגרעסערן דיין ווערט
און מאַכן זעלטענער דאָס גליק
צו לויבן דיך, צו זיין מיט דיר
אין גרינעם טאָג, אין מדבר פון דער וואָך;
אפילו די ווועלן נאָך, פריער־שפּעטער,
פאַרבויגן זייער גרויען קאָפּ פאַר דיין מלוכה־שטול
און צופאַלן צו דיינע פיס אין די באַגילדעטע שיכלעך,
אין דער שעפּערישער־רו וואָס וועט באַגליקן אַלעמען,
אין שבת איבער אַלע שבת׳ן.

ב.

## דעם זיידנס שבת

דער זיידע האָט אַ שענק געהאַלטן אין אָרענדע
אין גרויסן מאַרק, דעם קלויסטער קעגנאיבער;
אַ פּלאַץ — מיט פערדנמיסט באַשפּרענקלט,
באַפלעקט מיט רעשטן ברודיקע פון מענטשן.
דאָרט האָט זיין מלכה־שבת אירע ליכט געצונדן
אין מעשענע און קופּער־רויטע לייכטער.
האָט אים די נשמה־יתירה ווייך באַלויכטן,
זיין צער מיט איר טרייסט געזאַלבט.
ביים שיין פון חלב־ליכטלעך גראַשענע
האָבן אויך דער באָבעס קנייטשן אויפגעלויכטן.
אָבער גויים שכור׳ע, די גראָבע סערמיגעס,
האָבן אין ביידנס שבת זיך אַריינגעריסן,
געפּאָדערט בראָנפן מיט געוואַלט:
„האָרילקו, איד, זאָלסטו פאַרקויפן!“

אזוי האָבן זיי גערעוועט ווילד,
געקלאַפּט מיט וואַרצלדיקע פויסטן אויפן טישטוך,
וואָס האָט צוגעדעקט דעם בידנעם טיש
מיט אַלע זיינע וואָכעדיקע קרוֹעס.

אַזוי האָט אָנגעהאַלטן קריג און צאַנקערייַ
ביים שוועל פון וואָכעדיקייט און שבת־קודש,
און ס׳האָט די באָבע נאָכן ליכט־בענטשן געוויינט.
אַזוי האָט ער געקעמפט, דער זיידע אַלע זיינע יאָרן,
כדי אָפּצושיידן ליכט פון פינצטערניש,
וואָך פון הייליקייט, איד פון גוי,
און ניט באַוויזן דאָס צו טאָן...
נאָר אויף זיין טויט־געלעגער
האָט ער זיין עלטסטן זון, מיין טאַטן, אָנגעזאָגט,
ער זאָל ממלא זיין וואָס ער אַליין האָט דורכגעלאָזט,
די פּגימות פון פאַרשוועכטער הייליקייט צו היילן
און אָפּהיטן דעם שבת... אָ, דעם שבת!

## מאַני־לייב

### א

## ליכט־בענטשן

שטילע ליכט און שטילע אויגן,
ליפּן פרומע, שטילע.
פאַר די שטילע ליכט געבויגן
ווײנט זי אויס איר תפילה.

שטילע תפילה׳דיקע ווערטער,
קוים די ליכט נאָר הערן:
— גאָט, איז ער ניט מיין
באַשערטער, —
וועסט מיר אים באַשערן.

איך וועל פאַר אים קינדער האָבן
כשר׳ע און פיינע;
מיינע קינדער וועלן האָבן
אויגן שוואַרץ ווי זיינע;

ער וועט זיצן לערנען תורה,
שמ׳ען וועט זיין נאָמען.
וועסט באַשערן גוטער בורא, —
וועסט באַשערן — אָמן.

## ב

# ערב-שבת אין ווילנע

...צוויי ביטערע לאַנגע מעת־לעת האָט געשנייט און געדרייט און פאַרשאָטן
די הייזער, די קלויזן, די בתי מדרשים ביז איבער די דעכער און קוימענס,
להבדיל די תיפלות, די קרייצבערג, דעם שלאָסבאַרג ביז פּאַזע זיין
שטיינערנע היטל.

און ווילנע ליגט אונטערן שניי, ליגט אונטער דעם שניי און זי קען זיך
ניט רירן און הונגערט.

און דאָ איז שוין דאָנערשטיק נאַכט און אָט דאָ איז שוין מאָרגן ביי גאָט
ערב שבת,

און ווילנע דאַרף גרייטן אויף שבת און ליגט דאָ געבונדן מיט לייב
און מיט לעבן.

ניט אַנדערש אַז ווילנע האָט זיך ביים רבונו־של־עולם מיט עפּעס פאַרזינדיקט!

נאָר גאָט איז אַ פאָטער פון חסד און רחמים און ער וועט ניט לאָזן, אַז ווילנע
זיין הייליקע שטאָט זאָל ניש פּראַוועון קיין שבת און הונגערן מיט אירע קינדער.
און פרייטיק כאור, ווען אין שלאָף און אין צער איז נאָך ווילנע
געלעגן פאַרזונקען, —

איז גראָד אליהו הנביא געגאַנגען קיין ווילנע אַזוי ווי זיין שטייגער,
ווי תמיד צו העלפן דאָ איינעם אַן אָרעמען אידן, וואָס האָט ניט אויף שבת,
דאָ העלפן און טרייסטן אַ חולה, דאָ ברענגען אַ שטאַרקונג דעם שוואַכן
און אַנטראָגן וואַסער פאַר אים, און דאָ אַנהאַקן האָלץ קינדער זאָלן ניט פרירן...
...דערזעט ער דאָ תיכף, אַז דאָ איז ניט גלאַט, און ער וואונדערט
זיך שטאַרק: — „וואו איז ווילנע? —

אַ מעשה — אָדאָ איז געשטאַנען די שטאָט און די שטאָט איז גאָר
נעלם געוואָרן. —

ניט אַנדערש אַז ווילנע ליגט אונטער די שנייען פאַרשאָטן און ליידט אין
איר שווערער מערכה"...

...האָט דאָ אליהו הנביא שוין לאַנג ניט געקלערט, און ער גיט מיט
זיין באָרד נאָר אַ טרייסל,

און גיט אַ שפּרייט אויס זיינע פּאָלעס די ברייטע און טרייסלט זיי ווי די
צוויי ווינטן,

און פון זיינע פּאָלעס נעמט בלאָזן און דרייען מיט ווינטן, מיט וויכערס
און ווירבלס,

און ס'הייבן זיך שנייען פון ווילנע צום הימל פונוואַנען זיי זיינען געקומען,
און טראָגן זיך איבער די ווייטע פאַרוואָרפענע און די אָרומיקע פעלדער...

...און ווילנעווערט ניצל און ווייס ניט אין שלאָף אַז זי איז דאָ גאָר
ניצל געוואָרן.

...נו, פרעג שוין ניט ווייטער ווי גרויס איז די שמחה געווען פון דער
שטאָט מיט די מענטשן!

...נאָר גרויס ווי די פרייד איז געווען פון די מענטשן — איז גרעסער
געווען זייער וואונדער:

ווייל באַלד ווי זיי האָבן געעפנט די אויגן, איז ווילנע שוין פריילעך געלעגן
גלייך ווי אויף אַ טישטוך אַ ווייסן מיט שניי ביזן קנעכל אין פראָסט
פון פרימאָרגן;

און פול זיינען תיכף געוואָרן מיט פריילעכער טומלעניש פון ערב־שבת,
מיט הויכע און ברייטע גוטמאָרגנס, מיט שמייכלען און ברכות אויף
אַלעמעס ליפּן,

מיט הויכן געלעכטער פון ווייבער מיט קוישן און שאַלן ביז איבער די שטערנס,
וואָס זיינען געלאָפן אין מאַרק צו פאַרגרייטן אויף שבת און שבת צו מאַכן;
און פול זיינען תיכף געוואָרן די דאָרפישע שליאַכן וואָס פירן צו ווילנע
מיט פריילעכן קלינגען פון גלעקלעך, מיט קוואָקען פון עופות און
קנאַקן פון בייטשן,

מיט פויערשן הוקען און פייפן, מיט טופּען פון פערדישע שטייפע קאַפּיטעס,
מיט סקריפּען פון שליטנס געלאָדן ביז איבערן ווערך מיט כל טוב
און מיט שפע,

אַז ענג זיינען תיכף געוואָרן די מערק פון די פויערישע שליטנס און קונים,
אַז איטלעכע גאַס אין דער שטאָט איז געוואָרן אַ מאַרק מיטן האַנדל און טומל,
וואָס ווילנע האָט קיינמאָל אַזוינס ניט געהאַט גאָר אַפילו אויף אירע ירידן.
אַזוי איז געוואַקסן דער טומל און ווילנע האָט רוישיק געקאָכט ווי אַ קעסל
פון בלויען כאור ביז נאָכמיטיק, ביז איטלעכע אידישע הויז האָט אויף שבת
פאַרגרייט פונעם שענסטן און בעסטן; און ביז דער צופרידענער פויער
האָט גאָרנישט ניט מער וואָס געהאַט צו פאַרקויפן און איז מיט זיין
ליידיקן שליטן

פאַרפאָרן אין שענק און געקלונגען מיט געלט און האָט בראָנפן געטרונקען
און שיכור

נאָך ליכטבענטשן ערשט זיך געלאָזן אין דאָרף מיט מתנות פאַר ווייב
און פאַר קינדער...

ראובן אײזלאַנד

# פון דער פּאָעמע „טאַרנאָװ״

עס שמעקט מיט זאַפראַן, נעגעלעך און ענגלישן געװירץ.
מיט קופּעס קאַלטע שטײנער און פריש געשײלטע קלעצער,
װאו אײנגלעך טומלען רײטנדיק,
און אײנגלעך טומלען אויף שפּיצפינגער לויפנדיק
אין זומערדיקע אָװנטן,
װען ס׳גליען אַלע שויבן אינעם מאַרק,
און ס׳גליען זײערע קינדער־הערצער
אין װאַרעמקײט און פרײד.
און ס׳װאַקסט דער טומל און עס װאַקסט די פרײד,
ביז ס׳װערן אַלע פּנים׳ער װי סאַזשע שװאַרץ,
און מידע זעצט מען זיך אין רעדלעך אויס,
און מיט אַ זיסער מידקײט אינעם קול דערצײלט מען זיך:
פון כישוף־מאַכער און פון רויבער־באַנדעס,
פון ליכטלעך װאָס פאַרפירן און פון מתים אין דער שול;
פון אוצרות און פון הײלן, פון גרויסן פוילן־אויפשטאַנד,
פון גזירות ת״ח און גאַנצע און טײכן אידיש בלוט.
אַ דריקנדיקע שטילקײט נעמט אַלעמען אַרום
און פון די גרויסע אויגן קוקט אַ צער אַרויס.
דער שװערער צער פון דורות, װאָס מאַכט אַלע שטום.
און פּלוצים נעמט מען זיך דערצײלן:
פון אַלטן שלאָס אין קראָקע און קײזער־שלאָס אין װין,
פון מלכות׳דיקן הויף אין טשאַרטקאָװ
און רבינ׳ס קלויז אין סאַנדז;
פון פראַנקפורט און פון פּרעשבורג
און פון אַלטן פּראַג.
און הויבט מען שטעט אָן צײלן װאַקסט פּלוצים טאַרנאָװ אויס.
און אַלע אויגן גלאַנצן אויף
און װענדן זיך צום ברײטן װעג, װאָס פירט אַהין,
און אַלע הערצער אָטעמען מיט שטאָלץ:
„אונדזער טאַרנאָװ!״

און פרײטיק נאַכט,
װען ס׳זיצט אַ אײנגל בײ זײן טאַטנס טיש,
און ס׳שמעקט מיט װײן און ס׳שמעקט מיט פיש

און ס׳שמעקט מיט פרישע חלה און מיט זייד און אַטלאַס;
און צען לייכטער בלישטשן אויפן טיש,
און צען שאָטנס טאַנצן אויף די ווענט,
און ס׳גלעט דער טאַטע שטיל זיין שוואַרצע באָרד,
און ס׳טונקט דער אורח זיין „המוציא" אינעם בראָנפן
און טונקט אַ פינגער אין די ברעקלעך איין
און קייט בנעימות,
און קייענדיק דערציילט ער שטיל אַ מעשה נאָך אַ מעשה,
און ווי עס לעבן אידן אויף דער גרויסער וועלט:
אין קראָקע זיינען אידן גוט און פרום,
אין וואַרשע איז אין יעדן הויף אַ שול,
אין לעמבערג האָט מען ליב אַ סך צו עסן
און שטאָלצע זיינען די קבצנים פון לובלין:
פאַרשייט אַביסל זיינען שוין די ריישער אידן,
אין ווין איז טריפה דאָך אַ יעדער שטיין,
אין דאַנציג זעט מען שוין קיין אידן ניט,
און וואַקסן וואַקסט איצט טאַרנאָוו.
דאָס אינגל האָרכט און קוועלט אין זיך פאַר פרייד:
„אונדזער טאַרנאָוו!"

דער אורח גיסט אַ צווייטע גלעזל אָן,
פאַרקוועטשט די אויגן און פאַרבייסט,
און אַ דערוואַרעמטער, אַן אויפגעהייטערטער,
מיט אַ שמייכל אין די בלישטשנדיקע אויגן,
דערציילט ער ווייטער, ווי עס וואַקסט און וואַקסט די שפע דאָרט,
און ס׳וואַקסן אויף גבירים
מיט ברייטע הערצער און מיט ברייטע הענט:
איין מכניס־אורח איז דאָרט פאַראַן,
לייגט ער אַליין זיך שלאָפן אויף דער הוילער ערד
און זיינע אורחים, ווי די שררות, ליגן אין זיין בעט.
דאָס אינגל האָרכט און קוועלט אין זיך פאַר פרייד:
„אונדזער טאַרנאָוו!"

עס פאַרן שוין די טעלער אויפן טיש,
דעם אורח׳ס רייד פאַרקלינגען אין געקלאַנג פון טעלער־לעפל,
אין אינגלס האַרצן קלינגט און קוועלט נאָך אַלץ די פרייד:
אונדזער טאַרנאָוו!

ער ווייסט: דאָרט בויט אַ שול זיך דרייסיק יאָר
און ס׳שטייען אַלץ נאָך הוילע ווענט,
און אַז אַן אַלטע הייל איז דאָרט פאַראַן,
וואו ס׳ליגט אַן אוצר פון קדמונים אָן,
און נאָר דער למד־וווניק אין דער גרויסער קלויז,
ער איז דער איינציקער, וואָס ווייסט דעם וועג אַהין,
נאָר זאָגן וויל ער קיינעם ניט.

זיין מאַמע שרייט אויף אים: וואָס עסט ער ניט!
ווי אויף אַ גולם קוקן אויף אים אַלע זיינע ברידער,
און אַ פאַרשעמטער כאַפּט ער שנעל אַ לעפל נאָך אַ לעפל.
דאָך ברענען אַלץ נאָך זיינע אויגן
און שטיל אין זיך הערט ער דעם למד־וווניק׳ס רייד,
וואָס גיט דעם סוד אים איבער:
און ס׳עפנט זיך פאַר אים די אַלטע הייל,
וואו סבליצט פון טעפּ אַרויס דאָס גאָלד,
און ס׳בליצט פון טעפּ אַרויס דאָס זילבער
און איידלשטיינער און קרישטאָלן בלענדן זיינע אויגן.

## י. י. שוואַרץ

## שבת פאַרנאַכט

געזאַנג און וואָרט פון אַלטע דורות קלינגען
אַט אומעטיק־באַהאַרצט און אַנגעזאַפּט מיט טרערן
און אַט אַזעלכע גוטע מיט אַ מילדן שמייכל.
און ניט אַזוי די אַלטע ווערטער, ווי דער ניגון,
די האַרציקייט פון ווייטער זינגערין.
אַט הער איך זי אין אַ פאַרנאַכט פון איינעם
אַ ווינטערדיקן שבת (כ׳בין נאָך מן־הסתם
געווען דאַן זייער קליין, נאָך ניט געגאַנגען דאַווענען)
אין שטוב איז קיל און אומעטיק. עס טונקלט.
עס ליגט אויף אַלץ די עצבות פון צעשיידונג.
זי טוליעט זיך צום ווינקל פון דעם וואַנטאויוון,
וואו ס׳טליעט נאָך דאָס לעצטע ביסל וואַרעמקייט,
די שווערע וואָלענע פאַטשיילע אויף די פלייצעס.
פאַרציט אַ ניגון אין דעם עצבות׳דיקן אומעט —
צוערשט אַ שטיל געברום, וואָס קומט פאַרשעמט, ניט זיכער,

און ווי פאַר׳יתומ׳ט, נאָר אַביסל שפּעטער
באַקומט איר קול קאַלאַראַטור און זיכערקייט
און האַרציקייט; די שטוב ווערט פול מיט קלאַנגען
און וואַרעמקייט. ניט אַלע לידער אירע
האָבן זיך אויפגעהיט ביז היינט אין מיין זכרון —
אַ שורה דאָ, אַ שורה דאָרט פון אַלטע פאָלקסלידער
און פון באַלאַדן; לידער וועגן טויט און ליבע
און ליד פון וואַנדער פון אַ גלות־פאָלק. אַ שטייגער:

שיינע מיידעלע, פיינע מיידעלע,
נאַדיר דיין גוט־מאָ־אָ־רגן;
זאָג דיין טאַטן און דיין מאַמען
זיי זאָלן גאַרניט זאָ־אָ־רגן.

צען העמדער ליגן אין קאַסטן
מיט די ברייטע קריי־יי־נען;
זאָג דיין טאַטן און דיין מאַמען
זיי זאָלן גאַרניט ווײ־יי־נען!

זיך אָפּגעשטעלט אַ רגע, ווי זיך צוגעהערט
צום אָפּקלאַנג פונעם ליד און וואָרט און אָנגעהויבן
מיט גאָר אַן אַנדער טאָן און אינטאָנאַציע:

זיצט אַ מיידעלע אין קייזערלעכן גאָרטן
אויסגעפּוצט און אויסגעבאַרשטן,
אויסגעפּוצט און אויסגעבאַרשטן.

גייט פאַרביי אַן אַלטער אידעלע,
זאָגט ער צו איר: גוטמאָרגן, מיידעלע!
ענטפערט זי אים: גוטיאָר, זיידעלע!

זאָגט ער צו איר: וואָס זאָגסטו מיר גוטיאָר,
אַז איך בין געקומען דיין נשמה נעמען?
אַז איך בין געקומען דיין נשמה נעמען!

דאָס מיידל בעט זיך אָפּ ביי אים אַ רגע —
ער זאָל זי לאָזן זיך געזעגענען אַפריער
מיט טאַטע־מאַמע, שוועסטערלעך און ברידער,
דער טאַטע קומט צולויפן וויינענדיק און בעט זיך:

צען טון גאָלד וועל איך געבן
אַבי מיין טעכטערל זאָל בלייבן לעבן,
אַבי מיין טעכטערל זאָל בלייבן לעבן!

איר מאַמע וואָלט געוועז זיך בייטן מיר איר לעבן,
די שוועסטער באַטן אָן די אויגן־דימענטן, —
דאָס אַלטע אידעלע איז אָבער איינגעשפּאַרט
און פירט אַוועק דאָס מיידעלע פון גאָרטן...

אין שטוב איז שוין כמעט אינגאַנצן טונקל,
נאָר אין די פענצטער בלויט נאָך, ווי עס בלויט באַגינען
און ס׳פּאַלט פון דרויסנדיקן שניי אַ בלאַסער אָפּשיין.
די הון אינעם קאַטוך טרייסלט זיך איבער
און ס׳טרעשטשען פונעם פראָסט די אַלטע קלעצער.
די קאַץ שלייכט אום זיך נידעריק ביי דער פּאָדלאָגע
מיט גרויסע גליענדיקע אויגן, ווי לאַמטערנעס,
און מיאָוקעט טרויערדיק. אין טיפן ווינקל,
ווייט אונטער דער קאַנאַפּע בליאַסקעט גאָלדיק
אַ שטיק צעפוילטע ברעט פון דער פּאָדלאָגע.
די מאַמע וויקלט זיך אַלץ פעסטער אין פאַטשיילע
און טוליעט מיך צו זיך און דאָס געזאַנג גייט ווייטער:

פון שפּאַניע ברענג איך דיר מיין צימבל אַהער —
קום זעץ דיך אַנידער, קום זעץ דיך און הער.
מיין ליד איז שוין לאַנג באַקאַנט אין דער וועלט,
מען וויל זי ניט הערן, די אויערן פאַרשטעלט...

און נאָך אַ ליד, אַוויג־ליד, צו פאַרוויגן
אַ קליין אַ אידיש אינגל, וואָס וועט לערנען תורה —
זי קלאַפּט מיר צו צום טאַקט און ריטם אויף דער פּלייצע:

ס׳ווערט אַנטשלאָפן דער גוף,
פליט די נשמה אַרויף,
פאַרשרייבט אירע עברות אין די ביכער;
אָבער דו, מיין קינד,
דו האָסט נאָך ניט קיין זינד,
דו מעגסט נאָך שלאָפן זיכער...

אַצינד הייבט זי זיך אויף און דעקט מיך איבער
מיט איינגעוואָרעמטער פאַטשיילע, שווייגט אַ רגע,
און מיט אַ ציטער אינעם קול און טיפער ביינקשאַפט
געזעגנט זי זיך מיטן ליבן שבת־קודש:
„גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב,
„באַהיט און באַשירעם דיין פאָלק ישראל
„פון אַלדאָס בייז״... געפינט די שוועבעלעך אין קיכל
און שטרייכט זיי האַסטיק אויפן טירל פונעם אויוון.
דאָס שוועבל שפּייט און שפּריצט און זשומעט. ס׳בליען אויף
אַ צוויי־דריי געלבלעך־גרינע פאַספאָר־פאַסן,
דערנאָך אַ פלעמל בלוי. די מאַמע האַלט אין זאָגן,
צינדט אָן דעם לאָמפּ און ענדיקט: גוטוואָך! גוטוואָך!

## דוד איינהאָרן

# שבת־חזון

אין שוואַרצן טו זיך אָן, מיין פּריינט,
און גיי אַרויס מקבל זיין
די מלכה שבת מיט דיין צער
אין שאָטן פון דעם נעילה־שיין.

און ווען זי וועט מיט שטילע טריט
אַדורכגיין אונדזער אָרעם גאַס,
צינד אָן מיט טרויער אירע ליכט
און זאָל דיין אויג פאַרבלייבן נאַס.

און נאָכדעם גיי אַרויס אין פעלד
און הער זיך צו צום קלויסטער־קלאַנג
און זאָג: דער פרעמדער גאָרטן בליט,
פאַרוועלקט איז אונדזער שוין פון לאַנג.

און זאָג: די חורבה איז פאַרלאָזט,
עס ברומט שוין ניט אין איר קיין טויב —
דער שיינער טרוים פון אויפבויען
דערשטיקט האָט זיך אין אַלטן שטויב.

און ווען עס וועט דער לעצטער שטראַל
פאַרגיין — דאַן קום אין שול צוריק,
באַהאַלט זיך אין אַ ווינקל, שטיל
און האַלט אַראָפּגעלאָזט דיין בליק.

אין שוואַרצן טו זיך אָן, מיין פריינט,
און גיי אַרויס מקבל זיין
די מלכה שבת מיט דיין צער
אין דעם נאָך בלאַסן נעילה־שיין.

## ה. לייוויק

## „שלום עליכם, מלאכי השלום"

1

שלום עליכם, מלאכי השלום,
שלוחים פון אייביקן, לויטערן חלום,
נעמט אונדז אַרום מיט צעלויכטענע הענט,
אונדז און די שאָטנס פון אונדזערע ווענט.
הערט זיך צו אונדזערע ליוב־ווערטער צו,
שלוחים פון פרידן און רו.

קומט לאָמיר זינגען אַלע אינאיינעם,
קומט לאָמיר אויפהייבן ביי אונדזער קול
מיט אַ געלייטערטן האַרץ מיט אַ ריינעם,
פרייע, באַפרייטע פון וואָכיקן עול.

ערד האָט געשפּאָלטן זיך, וואַסער געשטורעמט,
ביז זיך פאַרפעסטיקט יסוד אין יסוד,
ליבשאַפט וואָס האָט אַלע וועלטן געפורעמט
האָט זיי געבענטשט מיט געזאַנג פון גענאָד.

שלום עליכם, מלאכי השלום!

2

טרייסטונג צו אַלע אין טרויער געפּלאָגטע
אונטער דעם רשע'ס בייזווילליקע קלעפּ.

עלנטע ברידער, אין אַנגסטן געיאָגטע,
אונדזערע ברכות אויף אייערע קעפּ.

זאָל אונדזער האַרץ ניט פאַרגעסן דעם רושם,
זאָל זיך ניט אָפּטאָן פון אונדז דער געבאָט
פון די פאַרפּייניקטע אידישע קדושים,
קרבן פאַר יושר, פאַר מענטש און פאַר גאָט.

שלום עליכם, מלאכי השלום!

3

מאַכטיק און אייביק די פעסטונג פון צדק,
ליכט איז פאַרזייט פאַרן צדיק אויך היינט.
וואויל צו דעם האַרץ וואָס איז גוט און גנעדיק,
אומגליק, די שטראָף פאַר אַ האַרץ וואָס האָט פיינט.

קומט לאָמיר זינגען צוזאַמען, צוזאַמען,
מענטש צו דערהייבן פון שפלות און פּיין.
צווייגן פאַרמאָגן די גבורה פון שטאַמען,
וואָס מער זיי וואַקסן אין שטאַם־האַרץ אריין.

שלום עליכם, מלאכי השלום!

4

הערט דאָס געזאַנג פון דעם הימל מיט שטערן,
הערט דאָס געזאַנג פון דעם גראָז אויף דער ערד.
נאָך אַמאָל, נאָך אַמאָל מיד ניט צו ווערן,
וועלטן צו הערן, אַליין זיין דערהערט.

הייליק אין אַפּשיי, אַ לאָמיר פאַרנעמען
מינדסטן שאָרך פון אַ בלעטל וואָס פאַלט,
און מיט דעם נס פון צעעפנטע ברעמען
אויפגיין אין ליכט פון דעם בורא׳ס געשטאַלט.

שלום עליכם, מלאכי השלום!

מרים אולינאָווער

# שבת

## א

די שבת־מלכה איז געטריי,
קומט יעדע וואָך צוגאַסט אויפסניי,
די שבת־מלכה קומט פון ווייט,
מיט חומש־סדרות רוישט איר קלייד.
איך הער די ערשטע שטענדיג זי,
דעם שטילן שוועב, דעם לייכטן פלי,
און כ׳שטיי, און כ׳קוש די לופט אין סאָד,
פאַר׳חלומ׳ט גליט אין מיר דאָס בלוט,
און פון די בייטן שלאָגט אַ דופט אַרויס,
ווי ווען אין פסח־מערזל מאַנדלען כ׳שטויס!
נאָר אַ טראָפּן אומעט אין דער פרייד פאַראַן,
שבת רוט דער סעדער, שבת רוט די קאַן,
צוגערוימט די שאַפע, זאַט מיט ווייַן דער כוס,
און — די בלומען־בעכער גייען פאַר דאַרשט מיר אויס!
איך וועל עסן טשאָלנט, איך וועל עסן קויל,
און דאָס רויזל חלש׳ט, ווערט אַ אַ שמאַרצן־קנויל,
טרינק איך מיינע בלימלעך פרייטיק צווייפאַך אָן:
טאָפּל האָט אויף שבת גאָט געגעבן מן.

און ווער ס׳בלייבט צו קבלת שבת
אין מיין סעדעל ליגן,
דער וועט הערן, ווי פון בראשית
גייט אַ שבת־ניגון...
ויכלו השמים...
האָרך זיך איין פול חידוש:
תהומות זינגען מיטן ניגון
פון מיין טאַטנס קידוש...

## ב

די שבת מלכה שוועבט פון ווייט,
מיט חומש־סדרות רוישט איר קלייד...
און ווען כ׳האָב זיך צו דער זעט מיט חומש אָנגעלייענט

און די שטערן ווינקען: „שוין געגוג אויף היינט!“,
קלאַפּ איך אַן אין יעדער איינער מיידל־וואַנד:
קומט!
מיט גאָלד און זילבער זע איך ווי ער שפּאַנט,
אליעזר שדכן!

ליכטיק איז די בענקשאַפט,
טונקל איז די נאַכט,
לאָזט צום גליק איך, שוועסטער,
זילבער־העל צעלאַכט!
שאַטנס האָט דער אָוונט
שורות׳ווייז צעשטעלט —
אפשר וואַרטן שליחים
אויך אויף אונדז אין פעלד...

הערט די ווייטקייט ציטערט,
צוקט און בליצט, און רופט —
גאָלדן צירונג שימערן
זע איך אין דער לופט...
לאָזט צום גליק איך, שוועסטער,
זילבער־העל צעלאַכט,
רבקה׳ס שטערן שיינען
וועט אַ גאַנצע נאַכט!

## חיים לענסקי

### REQUIEM

האָבן ביימער אין אָזיערע קילער זיך איבערגעקערט?
טונקלט דער בלעטערפּאַל טיף דאָרט און שוואַרצט?
נייך, דאָס זיינען באַנדורעס וואָס דאָס אויערט הערט —
ציטער פון זילבערנע סטרונעס וואָס ווייגען באַהאַרצט.
ווער פירט מיט בויגן אַרויף און אַרונטער?
נייך, ס׳איז ניט קיין פידלער וואָס שפּילט דאָרטן אונטער.
אַ פישער פאַרוואַרפט אינעם וואַסער די נעצן,
אַ ווערבע טונקט אונטער אין נאַסקייט די צווייגן.
זע, טעלעגראַף־סלופּעס דורך טאָליקע שטרעקן,

און בעסטלאָזע פייגלען באַזעצן
די שטייף־אָנגעצויגענע ברומיקע דראָטן;
שנורן אויף שנורן, פֿאַרנורעטע שווייגן
העכער פון קעפ די פֿאַרריסענע עקן —
צי זייַנען דאָס ניט פּאַר אַ שפּילער די נאָטן?
ווייט אויפֿן באַרג דאָרטן שוואַרצט זיך אַ וואַלד
מיט צײַלן בערייאָזעס ביים סאַמע אַריינגאַנג.
דאָס האָט די קלאַוויר פונעם וואַלד אירע צײַן,
די קלאַווישן אירע, געטאָן זיי אָנטפּלעקן.
בלאָז דו ווינט!
איר, די טראָמפּייטן פון אָרגל, שאַלט!
כליפּע, באַנדורע פון אָזיערע, וויין!

ווער רופֿט מיך פון דאָרטן? אַ שוועסטער, אַ כלה?
די וועלט זינקט אין פינצטערניש טיפער.
די זון האָט אָפּגעלאָזט אירע לעצטע שטראַלן
ווי עס לאָזן אָפּ דעם רודער
די הענט פון פֿאַרמאַטערטן שיפער.
ס'קייקלט אַן אוונטיקע וועלט זיך פֿאַרטראַכט
אין אַש פון דעם גרויען פֿאַרנאַכט.
די ערשטע שטערן וואָס זייַנען אויפגעגאַנגען,
דייַנע דריי אָדלערס, פּרינצעסין,
קוקן אַזוי אומעטיק אַרונטער
און סוד'ן זיך: זי איז פֿאַרגאַנגען.
שיכורים אין מאַרק שלאָגן אַן זיך אַן ווענט
און ס'בלאַנקען אַרויס פון די שמוציקע הענט
דייַנע מעשׂענע לייכטער.
זיי וועלן זיי פּאַר גראָשנס פֿאַרקויפֿן
און דייַן אָנדענק, פּרינצעסין,
אין בראָנפֿן פֿאַרזויפֿן.
ס'וועט נעמען נישט לאַנג און דייַן נאָמען
וועט ווערן פֿאַרגעסן פון שטאָט און מדינה
נאָר איך וועל דיך קיינמאָל פֿאַרגעסן
מייַן מלכה, מייַן ליכטיקע שכינה!
ס'איז אמת, דייַן ליכט איז אויף אייביק פֿאַרלאָשן
און דייַן טאָג איז געזונקען;
נאָר מיר איז דייַן אָנדענק אַלץ הייליק

און וואָך האָט אויף דיר ניט קיין שליטה —
אין זכות פון דעם גלעט פון דיין אידעלער האַנט,
וואָס מיין פנים געדענקט נאָך איר צאַרטקייט;
אין זכות פון דעם שבת־אויבסט,
וואָס זיין טעם ליגט מיר אַלץ אויף די ליפּן;
אין זכות פון דער קאָשע וואָס דו האָסט געשפּרייט
פאַר דיין שוועל פאַר די פייגעלעך —
לעבט נאָך דיין ליד אין מיין האַרצן.
צונויף נעם, דו ווינט, מיינע צעשפּרייטע קלאַנגען!
שפּילט, איר טראָמפּייטן פון אָרגל, געזאַנגען!
כליפּעט, באַנדורעס פון אָזיערע, וויינט!
„זאָל גאָט דערמאָנען זיך אָן דער נשמה
פון זיין דינסט, דער מלכה שבת,
וואָס איז אָוועק צו איר וועלט!"

(אידיש: י. י. ש.)

נחום יוד

## דער ערב שבת אין פעלד

אַ וואונדערלעכע שטילקייט,
אַ זעליקייט
הילט־איין די בערג און טאָלן
אין לויטערקייט פון בין־השמשות.

און רואיק פיטערן זיך רינדער לעבן וואַלד
און שעפּסעלעך אין פעלד
ווי הינדן צווישן בייטן בשמים.

און ערגעץ הויערן די ווינזלטירן.
און דער סמבטיון רוט.

עס רוט די גאַנצע וועלט
ווי אין אַן אויסטערלישן חלום.

און קראַנק איז מיין נשמה נאָך דיין ליבשאַפט, גאָט!

און ווייט אַהינטער וואַלד,
אַהינטער אַלע בערג און וואַסערן —
דאָס סודות׳דיקע לאַנד,
אַן אומבאַקאַנטע און אַ נאָענטע,
דאָס לאַנד פון ליכטיקייט און רו און פרידן.

## י. י. סיגאַל

### שבת

נאָך גרויסן יאָך און שווערער וואָך,
דעם גרויסן שבת וועסטו ברענגען.
אַ שטילער גרייז מיט ווייסער באָרד
און קלאָרע לויכטנדיקע אויגן.

ער וועט זיך וואַשן זיינע הענט,
וועט אויבנאָן ביים טיש זיך זעצן,
המוציא נעמען פונעם ברויט
מיט פרומער שטילקייט אין די אויגן.

אויף אונדזער גרויען אָרעמברויט
וועט קלאָר און העל זיין בליק צעשטראַלן,
דאָס ברויט וועט ווערן חלה־ווייס,
אַזוי ווי זיינע הענט די ווייסע.

וועט קידוש מאַכן איבער אונדז,
ווי איבער קידוש־בעכער פולע.
מיר וועלן פול־זיין מיט זיין רו,
ווי בעכער גאָלדענע מיט ווייַן.

אַן איינציק־דינע חלב־ליכט
וועט אונדזער קליינעם טיש באַלייכטן,
נאָר לייכטן וועט זיין ווייסע באָרד
אַזויווי זילבער פון לבנה.

נפתלי גראָס

## ערב-שבת

אויף זיין קאָפּ
טראָגט ער גאַנצע בערג מיט וואַלד,
מיט די היילן און מיט די חיות,
מיט די יעגער און פייגל־סטאַיעס
און מיט דעם פערשטער און שומר.

אויף די פינגער —
אויסגעציילטע ביימער.

אַ גאַנצע ליבע וואָך
רוישט פאַר אים אַ סמבטיון
מיט פויערים און באַלעגאַלעס,
מיט סוחרים פון קרוינפוילן,
פרייטיק האַלבטאָג
ווערט שטיל —
דער סמבטיון נעמט רוען.

דעמאָלט ווערט ער היימיש
מיט דעם הויז, מיט די קינדער,
און פאַטערלעך און האַרציק;
אַ זיסקייט —
פאַר דער אויפגעראַמטער מוטער.

אויף אַלע פענצטער בליען די וואַזאַנעס
און דופטן
מיט דער זיסקייט פון שיר־השירים
און פרייטיק־צו־נאַכטיקע זמירות.

א. לעיעלעס

## שבת-שעה'ן

ריח האַרבער פון היכבע שאַטנדיקע אייקאַליפּטן
מיט צאַרטע, צונטערנע פעכערס פון צוויט,
און קווייטן ווי אײדל־געשניטן רוי פליש;

פאַרטאַיעטע בערג, ווי רוענדיקע קעמלען אויף די קני
נאָך אַ לאַנגן, שטויביקן וואַכעדיקן מאַרש;
גאָרטנדיקע, בלומענדיקע רחבות
פון גילדערנעם, אייביקן יונג־זומער —
ס׳איז שבת אין קאַליפאָרניע.

הויכע בערג פון זאַמד און געדאַנק
שטייען צווישן לאָס־אַנדזשעלעס און לאַדזש.
טיפע תהומות פון רוישיקע אינדן און ברויזיקן געמיט
ליגן צווישן צוויי שטילע שבת־שעה׳ן,
וואָס גיבן זיך שלום אַריבער אַ האַלבן יאָרהונדערט.

דער לאָדזשער שפּעטער שבת נאָכמיטיק קומט ליב און געלאַסן
מיט באַשיידענער גרינקייט פון פרישן שטשאַוו,
מיט קאָרן־ברויט, מילך און ווייסן קעז,
און מיט אַ אינגלס פאַרטאַיעטער, שקאַצישער בלאַנדקייט
אונטער טאַטע־מאַמעס בליקן פון מנוחה.

וואָס איז בידנער שטשאַוו
אַקעגן גדלות׳דיקע אייקאַליפּטן און פּאַלמען,
אַקעגן מאַראַנצן־בליאונג, וואָס באַרוישט שמעקעדיקער
פון אינגסטן האָניק?
ווי בינדט זיך די צופרידענע זעט פון אַ אינגל
ביים בוזעם פון שבת׳דיקער שלווה, וואָס רינט ליבשאַפט און מילך.
מיט דעם מילדן פרידן אויף זון־גע׳טובל׳טע בערג —
עלעהיי אַ צעפּראַלטע, איבער־רייפע, געלע ריזיקע רויז?

איבער דער בריק פון אַ האַלב יאָרהונדערט
שפּאַנט פון לאָדזש די מאַמע, די כלה,
שפּאַנט דער טאַטע מיט דער באָרד פון טונקל גאָלד.
די מאַמע טראָגט ברויט און אַן ערדענע שיסל שטשאַוו.
דעם טאַטנס גוטע גרינלעכע אויגן בענטשן אַריין
אין דעם אינגלס באַשירעמט האַרץ:
שבת, שבת,
שבת אויף דער גאַנצער וועלט.

האַלב יאָרהונדערט איז אַ ריר פון אַ וויע,
זיבנטויזנט־מייליקער מהלך — שמאָלסטער שפּאַן,

ווען פלוצלינג, אומגעריכט
פלאַטערט פידלדיק פאַרביי
דער גאָלדענער פליגל פון געבענקטער, געבענטשטער
הייליקער שלווה
פון שבת.

## אפרים אויערבאַך

### לכה דודי

לכה דודי זינגט ר׳ שלמה אלקבץ:
קום אַרויס, געליבטער אַנטקעגן דער כלה.
לאָמיר באַגעגענען דאָס פּנים פון שבת,
וואָס וויקלט זיך אַרויס פון פורפורנע שאָלן.

ליכטיקער ווערט דער כלה׳ס פּנים
אויף די רויטע בערג, די צפת׳ער,
ס׳קומט די כלה אונדז צו דערמאָנען,
אַז ריין איז געוואָשן איר לייב אין וואַסער.

כיצד מרקדין לפני הכלה?
מיט שטיקער זון אויף קעפּ, ווי קרוינען, —
ס׳קומט די נאַכט, די טומאה זאָל פאַלן
פאַר דער באַהעפטונג, פאַר דער עונה.

לכה דודי, — לייב איז קדושה,
גוף־צו־גוף איז מעשה מרכבה,
לאָמיר דעם שבת, ווי כלה־לייב קושן,
לאָמיר דאָס ליבשאַפט אין זיך כאַוון.

כ׳נעם דיך, כלה, אויף די הענט צום געלעגער,
ווי אין דער ערשטער נאַכט אַ חתן,
אייביק איז צובונד אין דער ערשטער רגע,
אייביק איז די זון פון ליבשאַפט צעגאַסן.

לכה דודי זינגט ר׳ שלמה אלקבץ
און די געליבטע קומט אים אַנטקעגן, —
לויטער לייב, גלוסטיקער שבת,
אויף די פאַרנאַכטיקע צפת׳ער וועגן.

אהרן צייטלין

# אָדם און שבת

(סאָנעט)

זעקס טעג האָט גאָט געמיט זיך און דערנאָך,
ווען אויסגעפורעמט איז דער מענטש געשטאַנען
פאַר זיין געזיכט, האָט ער געזאָגט: ביז דאַנען —
און האָט געקרוינט מיט שבת־קרוין די וואָך.

און מלכה שבת האָט אין שיינקייט חוה׳ן
איבערגעשטראַלט — און ס׳איז געווען גאָטס קול:
אָט איז דיין הימל־ווייב, דו מענטש, און זאָל
איר ליכט דיר לייכטן אין דיין מי און האָוון.

נאָר ס׳איז אויך דאָ אַ שבת פון די דורות,
און יענע מלכה וועט זיך וויזן דאַן,
ווען פול־געענדיקט ווערט דער צייטן־פּלאַן דעם בורא׳ס.

באַשאַפן וועט דער בורא איר לכבוד
אַ נייעם אָדם, ער זאָל זיין איר מאַן.
און ווער וועט יענער אָדם זיין? בן־דוד.

איציק מאַנגער

א.

# אַ ליד וועגן אליהו הנביא

דער אַלטער אליהו הנביא
גייט ווי אַ בעטלער פאַרשטעלט,
מיטן פידל אונטערן אָרעם
זינגט יאָרן איבער דער וועלט.

פון דאָרפישע אידישע היימען
שפּילט ער אַרויס די שרעק,
פאַר גוי׳אישע בייזע וואַנסיעס,
פאַר גוי׳אישע שאַרפע העק.

און דעם שענסטן כלה־מידל
טוט ער אַ פֿינגערל אָן,
און בעסטן חדר־אינגל
שענקט ער אַ קיכל מיט מאָן.

און שפּילט ער אַמאָל אין אַ שטעטל
וואו ס׳טומלט און זידט אַ יריד,
ווערט די זון — אַ גאָלדן רענדל
אין דער האַנט פֿון אַ יעדן איד.

נאָר דעם שענסטן ניגון שפּילט ער
פֿאַר דעם סאַמע אָרעמסטן הויז,
ער שפּילט פֿון הינטער די וואָלקנס
די סעפּטעמבער־לבנה אַרויס.

דער שינדל־דאַך ווערט פֿון זילבער,
און די קינדער שמייכלען אין בעט;
זיי זעען פֿאַר׳כּישוף׳טע לענדער
און ווייטע פֿאַר׳חלומ׳טע שטעט.

און דער טאַטע האַנדלט און וואַנדלט
און ברענגט אַהיים פֿון דער וועלט
אַן אמת׳ן גרויסן מאַיאַנטיק,
באַרליאַנטן צירונג און געלט.

פֿאַר דער מאַמען אַ בראָש, אַן אַנטיקל,
וואָס פּאַסט צו איר סאַמעטן קלייד;
פֿאַר די קינדער פּייגן און מאַנדלען,
אַט פּונקט ווי אין חומש שטייט.

און דער פּראָסטער מיטוואָך ווערט יום־טוב,
מיט חלה, מיט וויין און מיט פֿיש,
מיט ראָסלפֿלייש, בולבעס און צימעס,
אַז ס׳ברעכט זיך אַזש דער טיש.

אויף דער שוועל שטייט אליהו הנביא,
אַ קלעזמער פֿון נעכטיקע טעג.
ער נעמט די לבנה אין טאָרבע
און לאָזט זיך ווייטער אין וועג...

ב.

## נעמי זאָגט „גאָט פון אַברם"

די אַלטע נעמי אין מיטן שטוב
שעפּטשעט „גאָט פון אַברם",
די בלאָנדע שנורן לעבן איר
הערן פּאַרכטיק און פרום.

„גאָט פון אַברהם, גרויסער גאָט,
„דער הייליקער שבת פאַרגייט
„און ווי דער שבת אין פרעמדן דאָרף
„אַזוי איז אַוועק מיין פרייד."

זי גייט פּאַמעלעך צום פענצטער צו:
אין דרויסן טונקלט די מיל.
זי אָטעמט מיט די פליגל קוים,
דער אָוונט־ווינט איז קיל.

די מיל האָט אלימלך געקויפט
און די מיל האָט געמאָלן ברויט,
איצט איז דער מאַן אויף דער אמת'ער וועלט
און ביידע זין זיינען טויט.

איצט אין זי אַ וויסטע אַלמנה אין דאָרף,
מיט ביידע שנורן אַליין —
ערפּה איז גוט ווי ראָזעווע ברויט
און רות איז פרום און שיין.

נעמי דערמאָנט זיך: אַמאָל־אַמאָל,
זי האָט די שיקסלעך נישט געוואָלט,
נאָר ס'איז מסתמא געווען באַשערט,
איצט האָט זי ביידע האָלד.

זיי האָבן די זין אירע ליב געהאַט,
געאַרבעט מיט זיי אין פעלד.
און שווער און שוויגער „דאָס אויג אין קאָפּ"
און כבוד פון דער וועלט.

איצט זיינען זיי נעבעך אַלמנות צוויי
און זי — אַן אַלמנה אַליין.
פאַר זיי האָט די ערד נאָך מסתמא פרייד,
נאָר זי — אַן עלנטער שטיין.

וועט זיך שלעפּן און שלעפּן צופוס
ביז זי וועט קומען קיין כנען,
און דאָרטן וועט דער מלאך המות
ווערן איר צווייטער מאַן.

נעמי שעפּטשעט, און לעבן איר
האָרכן די שנורן פרום —
אינדרויסן שמעקט מיט היי און ווינט,
אין שטוב מיט „גאָט פון אַברם.“

# יעקב גלאַטשטיין

## דער גאָט פון טרויעריקן שבת

איך בין דער שטילער גאָט פון טרויעריקן שבת.
איך — די אומרואיקע געצען אויף דער פולער וואָך.
וואָס לעסטערט איר מיין געדולדיקע האַנט,
אין די פינצטערע טעג פון אייער בראָך ?
פון תוהו האָב איך געשאַפן שליים,
געוועקט און געקלאָרט די זומפּ, פריידיק אויסגעוואָרט,
אויפן טויטן וואַסער די ערשטע וועל,
אין מיאַזם אויפגעזונגען פּראָטאָפּלאַזם,
באַלעבט די איינציקע צעל,
און ס׳איז מיר געווען באַשערט
צו זען דעם ערשטן ציטער
פון דעם פּאַראַמעציום.
ביז כ׳האָב דערהערט אַ קול
אין דעם גאַנצן מורא׳דיקן שטום
זיינען פאַרגאַנגען פּיינלעכע טריליאָרן,
כ׳האָב דורכגעלויכטן דעם געהיים פון ליים,
זיך דערוואָרט אויף דעם ערשטן
פאַרשעמטן געוויין פון פאַרשטאַנד.

וואָס לעסטערט איר, וואָס פייניקט איר
מיין געדולדיקע, פאַרדרימלטע האַנט ?

די ביימער אין אַלע עדן־גערטנער
האָבן פאַרשפּרייט פאַרפומען, זיך געצערטלט און געבלעטערט.
איך האָב שטיל גערוט. איך האָב זיך נישט פאַרגעטערט.
דער שבת איז מיינער, איך רו.
דער געצוויטשער פון לעבן איז אייערער.
איך בין דער גאָט פון שטילן לעבן,
ביז צום ערשטן געפלאַטער פון פליגל,
ביז צום ערשטן געוויין אין וויגל,
ביזן ערשטן צייכן פון פאַרשטאַנד.
ווען מיין טרויעריקע האַנט האָט גערוט
האָט איר מחלל געווען מיין שבת,
האָט איר שוין פאַרגאָסן בלוט.
איך בין געווען דער האַר פון אור־שטילקייט
ביז איר האָט זיך אַנגעלענט אין מיר,
מיך געמאַכט אַ שותּף צו אייערע געווינען,
דערפאַר האָט איר מיך פאַרגעטערט,
כדי איר זאָלט מיך מיט אייער רשעות פאַרשוועכן,
און מיך ווי אַ ליימענעם אָפּגאָט צעברעכן.

איך בין קיינמאָל נישט געווען אייער גאָט —
איך האָב דעם מענטש געבענטשט
און אים איבערגעגעבן די ממשלה פון לעבן.
און מיין האַנט, מיין טרויעריקע האַנט,
האָט גערוט.
די ערד איז אינגאַנצן אייערע
און אַלץ וואָס נאָך מיין שבת איז אייערס.
און וויפיל איר זאָלט מיך ניט בענטשן,
אָדער שעלטן —
מאַכט איר חרוב אייערע אייגענע וועלטן.

די הימלען זיינען מיינע,
די שטילע הימלען, די זילבערנע פּייזאַזשען.
אמת, מיין שבת איז פאַרשוועכט,
אָבער מיין געדולדיקע האַנט רוט —

איך האָב אויפגעהערט צו באַשאַפן,
דאָס זענט איר דאָס לעבן.
איך בין ערב־לעבן. איך בין חלום פון טריליאַרן.
כ׳וויל בלייבן אָפּגעמעקט פון אייער זכרון.
איך בין דער האַר פון זיבן געבענטשטע
פאַרדרימלטע טעג,
דער פאַרוואָלקנטער גאָט פון טרויעריקן שבת.
איר — די פאַרמעגנטשטע אָפּגעטער פון קלאָרן פאַרשטאַנד,
וואָס לעסטערט איר מיין געדולדיקע,
מיין פאַרנאַכטיקע האַנט?

## בעריש וויינשטיין

### פון פּאָעמע „ריישע"

א.

אַז ישיר, ס׳איז דער גרויסער שבת־שירה.
פון די פריע פענצטער שפּריצט פּראָסטיקע זון.
ווייס און אויסגעשפּרייט ליגט די ערד.
די שטאָט איז שטיל, די שטאָט איז לער,
אויף אַלע אידישע געוועלבער בליט דער שניי.
די מיקאָשקע — אַ לאַנגער, פאַרשאַרטער וועג
דורך ווינטערדיקע אַלטע בית־עלמינ׳ס,
ציט דורך אַלע בתי־מדרשים פאַרביי.
און אַ זילבערנער צווישן אַן עדה אידן,
פירט מען צום דאַווענען ר׳ יהושעלען.
עס וואַרעמט אים דער איינגעהילטער טלית
די חסידים וואָס באַגלייטן אים אין קלויז.
מען גייט, ווי אין וואָגל, טיף געבויגן
אינעם זאַוויי — דעם אויבערשטן לויבן.

אַז ישיר משה ובני ישראל!
ס׳איז דער גרויסער שבת־שירה.
ווי משה־רבינו איבערן ים־סוף,
פירט דער דזשיקאָווער זיינע חסידים
אויף פּוילנס שבת׳דיקער ערד.
הימלעך קלינגען־אָפּ די שטיבער
מיטן געזאַנג פון די וואָכעדיקע סדרות.

פון יהושעלעס פלאַטערדיקן גיין,
ציטערן ממש אַלע ריישער שויבן אויף.
אינעם שבת, אינעם שניי, אינעם ווינט,
צעעפנט מען די צוגעשמידטע פענצטער
דעם רבין אין אַ שבת־שירה צו זען
צו דער דזשיקאָווער קלויז ברייטלעך גיין.

ב.

ביי ר' יהושעלעס מיטאָגדיקן שבת־טיש,
שפּאַרן בערד איינע די אַנדערע אַריבער.
אינגלעך שטעלן זיך אויף טאַטעס אַרויף
צו כאַפּן אויפן דזשיקאָווער אַ בליק.
די וואָס זיינען שטאַרק שטייען ביים טיר
נישט אַריינצולאָזן, נישט אַרויסצולאָזן.
בחורים ברעכן ווילד די פענצטער אויס
און הויבן פרעך די אידישע פויסט
קעגן די, וואָס לאָזן צום רבין נישט אַריין.
מען שטייט אין כעס, מען שטייט אין צאָרן
און מען ווערט פון קעלט בלוי געפרוירן
ביז דער טונקעלער ברכי־נפשי פאַלט צו.

אומעטיק ווערט דער מנחה לשבת.
דער שניי פאַרשלאָפט די קאַלטע דעכער
און אַלע מאַמעס ווערן טרויעריק מיטאַמאָל,
ווען זיי זאָגן ברכי־נפשי צו דער וועלט:
— גאָט, מיין גאָט, ביסט גרויס אומעטום!
האָסט דיך אָנגעקליידט מיט קדושה
און געגרונדפעסטיקט די ערד.
דעם תהום האָסט דו צוגעדעקט
ער זאָל די וועלט נישט פאַרפּליצן.
אויף די בערג שטייען די וואַסערן
און קענען זיך אַראָפּ נישט גיסן.
און די פינצטערניש האָסטו באַשאַפן,
זי זאָל נאָר פאַר דער נאַכט זיין.
ווער געגרויסט גאָט, פון אונדז מאַמעס
ביי די ברכי־נפשי־דיקע שויבן, אָמן!

יעקב גלאַנץ

## פרייטיק-צו-נאַכטס

אין פרייטיק פאַרנאַכטיקן טונקל —
פינף ליכטיקע ליכטענע אויגן.
דער טיש — פון יאָרן פאַרשוואַרצטער
מיט טישטעך מיט ווייסן פאַרצויגן.

מיט הענט, ווי מיט פליגל מיט בלייכע,
די קנייטשן פון פנים באַהאַלטן.
די ליפּן געוואוינטע צום שמייכל
מיט ערנסט אין זייערע פאַלדן.

אַז ס'הייבן אָן פאַלן די ווערטער,
ווי שנייעלעך זאַכטע, ווי שטילע —
אין איינס כאַטש אַ וואָרט וויל איך פאַנגען,
כאַטש איינס פון מיין מאַמעס אַ תפילה.

אין פרייטיק פאַרנאַכטיקן טונקל
צו גאָט שטילערהייט צו ריידן —
נאָר ס'איז ניט באַשערט מיר אַפּנים
געניסן פון שבת־פריידן...

אברהם טווערסקי

## שבת-ליכט

מיין מאַמע זיצט אויף אַלטן באַרג אררט,
און בענטשט די שבת־ליכט אין נח'ס תיבה —
מאַמע מיינע, וואָס וועט זיין מיט ערדישער מצבה?

גאָרניט, קינד, איך זיץ אָט דאָ מיט מוטער שרה
און איך טו מיט איר אינאיינעם שטילע תפלה.
— ביסט דאָך, מאַמע, פון דעם שטעטעלע אוסטילע!

ניטע, קינד, צו וואָס די ערד דערמאָנען?
מיר זיינען אָפּגעשיידט פאַר אייביק־לאַנגע יאָרן.
— וואָס־זשע טוט מען, מאַמע, אַז סע יאָמערט אין זכרון?

דאַרף מען, קינד מיינס, ציען וואַקס מיט פּאָדעם,
דאַרף מען צינדן ליכט און גאַרניט זאָגן.
— ווייסטו, מאַמע, ווען דער גרויסער טאָג וועט נעמען טאָגן?

פּשיטא, קינד, דער ענין איז אַ טיפער,
ס'וועט דער תשבי דיך באַשירעמען און זיין דיין היטער.
— און וואָס וועט זיין מיט קרבן־מנחה סידור?

זאָל ער רוען, קינד מיינס, זאָל ער רוען,
די וועלט איז דאָ אַ רואיקע, אַ שטילע —
און אַלע זאָגן אויסגעווייניק תפילה.

מיין מאַמע האַלט די פינגער אויף די ליפּן
און ווינקט אַראָפּ צו אייגענער מצבה:
— מען בענטשט שוין שבת־ליכט אין נח'ס תבה.

## קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

# הבדלה

גאָט פון אברהם,
באַשאַף אונדז אַ צווייטן בראשית.
מעג קיין זון דאָרט ניט שיינען —
דאָס ליכט האָט אונדז סיגוף פאַרראַטן.
מעג דער ווינט דאָרט ניט זינגען —
ער האָט מיט די דייטשן צוזאַמען געטריבן
אונדזער פאָלק צו די שחיטה־וואַרשטאַטן.
מעג קיין ים דאָרט ניט רוישן קיין גרינער —
ער האָט געזונקען די שיפן — די שפּענדלעך
מיט אונדזערע לעצטע אַנטרינער.
מעגן בערג דאָרט ניט רייסן צו הימל די שפּיצן —
זיי האָבן דעם וועג ניט פאַרצאַמט פאַר די רוצחים,
אַ פּיצעלע קינד צו באַשיצן.
מיר זאָגן זיך אָפּ פון דער שיינקייט.
מיר זאָגן זיך אָפּ פון דער גבורה.
מיר זאָגן זיך אָפּ פון דער שירה.

מעג איינשטיין קיין יורש ניט לאָזן.
מיר זיינען אין חרם צוזאַמען
מיטן געטלעכן תמים שפּינאָזע.

באַשאַף אונדז אַ וועלט מיט אַ פּאַסיקל הימל,
און איינמאָל אַ יאָר זאָל אַ שטערן דאָרט שיינען,
און מאַכן הבדלה, און געטלעך פּאַרטייטשן:
ס'איז אַ צווייטער בראשית,
אויסער וועלט פון די דייטשן,
אויסער חכמת הדמים.
און עס וועלן די קינדער אונטער פּאַסיקל הימל
ענטפערן: אָמן ואָמן.

## אסתר שומיאַטשער

# פון אַ פּאַעמע

דער גביר, דער טאַטע,
מיט ווייכע אויגן פון דער ליטע,
מיט זונטיק־מאַגנטיק־דינסטיק־מיטוואָך — בולבעס,
מיט גריקע־פעלדער אין זיין בלוט צעבליטע,
קוקט אויף דעם אַלעם מיט הכנעה.
זיין פּנים קרימט זיך אין אַלע שפּיגלען,
זיין לעבן ברעכט זיך אין דער אייביקייט.
ער קריגט פייערדיקע פליגלען —
אַלץ שווימט אויסער רעכענונג און צייט.
די גריקע־פעלדער נעמען ריידן,
עס רעדט דער ליטווישער גן־עדן:

עס איז שבתדיקער, אָרעמער גענאַד.
דער טאַטע זיינער ציט אַ טרויעריקן נגון,
די הענט זיינע ריידן מיט גאָט.
די מאַמע — אַ ווייַנענדיקע תפלה,
זאָגט „גאָט פון אברהם” פאַר אַלע.
דער טיש מיט ברעקלעך פון שבת'דיקער חלה,
די לייכטער — אין אוּנטיקער בעילה,
די שוועסטערלעך, די זיבן ציגן,
זוכן מיט די אויגן אליהו הנביא.

עס איז רו,
שבת׳דיקער טרויער,
בארוועס קוקט אריין די וואָך אין פענצטער.
און גרויער, גרויער,
ציט זיך אויס דער דלות.

## יחיאל לערער

### פון פּאָעמע: „מײן הײם"

„נאַקעט ווי אדם?" — נישט גוט געזאָגט,
יענער האָט גאָרנישט און אַלץ דאָך פאַרמאָגט;
אַ גלויבן, אַ גאָט, און פרייד פון אַ קינד,
און שרעק פון אַ קינד און מורא פאַר זינד.
נאַקעט בין איך, נאַקעט אויף אַ וואָר
אין טויזנט נײַנהונדערט זיבן־און־דרײַסיקסטן יאָר.

כ׳בין די מדבר אַליין, איר זאָמד דאָס פאַרברענטע,
אַ שול אַ פאַרשוועכטע, פון שונאים געשענדטע;
אַ שוואַלבן־נעסט האַרבסט־צייט, ווען ס׳פאַלן די בלעטער,
אַ חורבה — אַ זכר נאָך געשטאָרבענע געטער,
אַ ביידל אין סאָד אונטער ווינטער־שניי בלייכן —
און נאַקעטער נאָך ווי די אַלע פאַרגלייכן.

אויך מיין עבר דעם גאָלדענעם האָט צייט שוין פאַרווישט;
דאָך אַנומלט, ווען כ׳האָב זיינע בלעטלעך געמישט,
און אין שעה׳ן זיך דערמאָנט, אין מינוטן פאַרגאַנגענע,
ווי שטערנדלעך בלויע אין נאַכט־רוים צעהאַנגענע,
ווי שוואַלבן פוכיקע, איבער טייך־פלאַך געפלויגן —
האָבן טרערן, ווי פונקען, געברענט אין די אויגן.
אַ גאָט, ווען זיי וואָלטן געפלאָסן ווי קוואַלן —
דאָך האָבן זיי פאַרגליט און אַראָפּ נישט געפאַלן!

מיינע עלטערן וואוינען אין שטעטעלע אין קליינעם —
זיי שעצן ביז היינט נאָך זייער יחוס דעם שיינעם,
און שבת פאַרנאַכט, אין זיידנס געהילט,
זיצט היינט נאָך די מאַמע קינדיש צעשפילט

און דערציילט פֿאַר שכנות די גרויסקייט פֿון זיידן,
פֿון הייליקן וואָרקער, דעם באַלעבאָס פֿון גן־עדן.

דער טאַטע איז נאָר וואָס פֿון „שטיבל" געקומען,
האָבן זיך די שכנות אין אַ זייט פֿאַרנומען,
אין הויז דעם אַדורכגאַנג צו מאַכן אים פֿריי,
ווייל ער גייט נישט אַדורך צווישן ווייבער צווײ;
און ווען אויך אַפֿילו עס זיצט מיט דער מאַמען
דאָס שוועסטערל בלויז אין פֿאָדערהויז צוזאַמען,
ביידע קעגנאיבער און מ׳זעט, אַז ער גייט,
רוקט זיך דאָס שוועסטערל גיך אין דער זייט
און לאָזט אים אַדורך. ווייל אַזוי איז דער דין,
און קיין קשיות צו פֿרעגן האָט נישט קיין זין.

איז דער טאַטע נאָר־וואָס פֿון שטיבל געקומען,
די שוועל קוים אַריבער — און שוין הערט זיך אַ ברומען
באַלד אויפֿגיין פֿון דאָרט, ווי אַ טייכל וואָלט פֿליסן,
ווי עמיצער וואָלט זיין האַרץ פֿאַרגיסן,
פֿאַר דעם, וואָס מען זעט נישט און דאָך איז ער דאָ
אין דער שבת׳דיק שטילער, בין־השמשות׳דיקער שעה.

די מאַמע זיצט ווייטער אין הויז מיט די שכנות,
זיכער — דער טאַטע וועט נישט האָבן קיין טענות,
קיין פּיצל תרעומות. ווייל געגרייט איז שוין אַלץ:
חלה׳לעך צוויי, אַ מעסטעלע זאַלץ,
דאָס האַנטעך, פֿאַרוואָרפֿן איבער דער שטול,
אַ שאָלכל אַן ערדיקס מיט זויערמילך פֿול,
אַ שיסל צום וואַשן, אַ קופּערנע קוואָרט —
נו, קען מען זיך פֿאַרגינען צו ריידן אַ וואָרט
צו די שכנות די גוטע, וואָס שלינגען די ווערטער
און רוען פֿאַרשטומט, געשמידט צו די ערטער,
גרייט אַזוי זיצן ביז מאָרגן און הערן —
ווייל יעדער זיין משא וויל אָפּוואַרפֿן גערן,
דעם פּרעס פֿון געמיט, פֿאַרנאָגלט, פֿאַררייפֿט,
די צרות פֿון קינדער, דעם דלות וואָס פּייפֿט,
און וויל, כאָטש אַ רגע, אין הימל זיין.
בפֿרט, אַז די מאַמע דערציילט אַזוי שיין,

לאַנגזאַם, שטיל און בנעימות אַזוי —
ס׳דאַכט זיך אַ רגע, אַז אַ טראָפּעלע טוי
איז דאָס בלייערנע לעבן — לייכט און קלאָר —
און לאַנגע, גוטע גליקלעכע יאָר,
נחת פון קינדער, עשירות און רו
ווינטשן די שכנות און שמייכלען איר צו.

און ווען די פלאַמען פון שקיעה גייען ביסלעכווייז איין,
און מיין טאַטע גייט צוריק אין „שטיבל“ אַריין,
מיט עשירות אין האַרץ, מיטן כזית אין טאַש —
האַלט ערשט מיין מאַמע ביי דער קופּע מיט אַש
פון אַ נשרף אַ צדיק, וואָס געשטראָפט האָט אים גאָט
און זיין לעצט שטיקל נחלה אָפּברענען געלאָזט.
און דער צדיק האָט אַלץ נישט זינדיקן געוואָלט,
איז דערפאַר אים דאָס אַש געוואָרן צו גאָלד,
אויפן אָרט פון געוויין איז געקומען געזאַנג
און ר׳איז גליקלעך געווען זיין לעבן לאַנג.

דערנאָך קומט אַ מעשה פון איינעם אַ איד,
וואָס האָט איבער אַלץ דעם שבת געהיט;
דערנאָך קומט דער האַרציקער „גאָט פון אַברם“,
ביז יעקב, דער שכן, עפנט די קראָם
און נעמט זיך גאָר פראָסט צו מאָס און צו וואָג —
ציטערט דער שאָטן פון שבת׳דיקן טאָג
און וואַנדערט, אַן איינזאַמער אורח אויפן וועג.
גייען אויך די שכנות אין די היימען אוועק,
פאַרבענקטע, פאַרטראַכטע, אינערלעך פאַרטאָן,
זיפצנדיק ציגדט מען אַ שוועבעלע אָן,
אַ ליכטל פלאַמט אויף, אַ לעמפל ווערט וואַך,
און דאָס קיכל נעמט ריידן אַ היימישע שפּראַך.

און באַלד קומט דער טאַטע פון שטיבל צוגיין,
זינגענדיק לייגט ער דעם שבת־טלית איין
און רופט דער מאַמען פון קיכל אַריין
די הבדלה צו הערן, די הבדלה צו האַלטן.
זי איז איינע אַליין געבליבן מיטן אַלטן,
ווייל ס׳טעכטערל און ס׳זונדל, די אינגסטע פון די ניין,

וואָס זיינען נאָך נישט אַוועק, זיינען ביידע אין פֿאַראיין
יעדן אָוונט — און טאַטע־מאַמע לאָזט מען אַליין.

עס שוויגט היינט דער טאַטע, געוואוינט צו דעם ווי —
ער ווייסט שוין: סיי־ווי־סיי העלפט נישט קיין געשריי.
און אַז איידער מיט שלעכטן — איז גלייכער מיט גוטן.
האָט ער אַמאָל דאָך נישט אויסגעמיטן
דעם פּאַטש און דעם בייזער — ביי וואָס איז געבליבן?
ביי גאָרנישט געבליבן. זיינע קינדערלעך זיבן,
וואָס יעדעס באַזונדער איז געוואויגן מיט גאָלד,
האָבן אויסגעפּירט דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט.
אַראָפּ פֿון דעם וועג, צו אַלעמענס ווי,
און ביידע איינגסטע זיינע טוען אויכעט ווי זיי.

די מאַמע לייענט אָפּ פֿון זיין פּנים די פּיין
און קוקט אים פֿול מיטלייד אין די אויגן אַריין,
וואָס שוועבן פֿאַרגלייזט אין אַן אומגעזען לאַנד.
זי זעט, ווי עס ציטערט דער בעכער אין זיין האַנט,
ווי דער ווייַן לויפֿט איבער דעם זילבערנעם ראַנד,
און קעגן הבדלה־ליכט פֿינקלט ער, שיינט —
דאַכט זיך דער מאַמען, אַז דער בעכער וויינט,
ווייל ער האָט זיך דערמאָנט אין פֿאַרגאַנגענער פֿרייד,
ווייל ער האָט זיך פֿאַרבענקט צו דער חתונה־צייט,
פֿילט מיט די מאַמע זיין בענקשאַפֿטס־פּיין
און וויל אים טרייסטן אין זיין געוויין —
נאָר דערהערט זי פּלוצים, ווי דער טאַטע לאַכט.
— הבדלה — זאָגט ער — האָב איך שוין אָפּגעמאַכט
פֿון אַ גוטער מיבוט און זי שטייט אַלץ און טראַכט!
פֿון וואָס אַ שטייגער? פֿון נעכטיקן טאָג?
פֿאַרדריסט עס די מאַמען און זי גיט אַ זאָג:
— און אַז פֿאַרטראַכט זיך איז וואָס? און אַז פֿון נעכטיקע טעג?
און גיט צו געלאָסן: גיי נישט אַוועק,
כ'האָב אויפֿגעקאָכט וואַסער, טיי שוין פֿאַרבריט —
און גייט אָפּ פֿאַרשעמט, פֿאַרטאָן אין געמיט.

דערנאָך קומט צוגיין רב פּנחס אהרן מלכ'ס.
שטענדיק ברומט ער, דאָ טרוויעריקס, דאָ פֿריילעכס,

נאָר אַממייסטנס סתם אַזוי. אַ שטייגער, ווי אַ בין,
וואָס פלאַטערט אין פרילינג אַהער און אַהין,
איבער קאַרשן צעבליטע, איבער רויטן מאָן
און ס׳ווערט איר נישט נמאס צו פליען אַזוי שעה׳ן,
הקפות צו מאַכן אַרום און אַרום,
די ליפּן צו זוכן פון דער יונגער בלום,
און צו זינגען דערביי, צו זשומען און ברומען.
כאָטש וואו זיינען, מ׳שטיינסגעזאָגט, רב פּנחסעס בלומען?
סיידן אויף שטערן, וואָס בליען ווי קווייטן,
סיידן אין ווייטערע שפּעטערע צייטן;
ווען משיח בן דוד וועט קומען צו רייטן,
אויסלייזן ס׳פאָלק פון שאַנד און פון שפּאָט,
און ס׳וועט זיך צעבליען דאָס מלכות פון גאָט.

מוז זיין, אַז דאָרט טאָקע שפּראָצן זיינע בלומען,
און רב פּנחס זינגט זיי פאָרויס דעם הימן.
כאָטש דערווייל, לפי שעה, גייט עס שלעכט אויף דער וועלט.
פּילט ער שטענדיק פאָרויס, ווי משיח קומט אָן;
ווי עס פּילט דעם באַגין דער רויט־קאַמיקער האָן,
זיין ראָזע צעבליטקייט, זיין גאָלד־געקרוינטע פּראַכט
און זינגט אויס זיין שירה אינמיטן דער נאַכט.

יעדן מוצאי־שבת שוין יאָרן, ווי ער קומט —
גוט־וואָך! — זאָגט ער — און ווייטער געברומט.
גוט־וואָך! — זאָגט דער טאַטע — ברוך־הבא אַ איד!
און הייטערער ווערט זיין טרויעריק געמיט,
לינדער זיין בענקשאַפט צום שבת וואָס אַוועק,
און די טיר געלאָזט פריי פאַר די וואָכעדיקע טעג,
וואָס שטייען אויף דער שוועל, ווי בעטלערס זעקס,
און מאָנען גראָשנס אויף קאַרטאָפל, געבעקס,
וואָס דאַרויף, ווי באַוואוסט, דאַרף מען שטאַרק זיך באַמיען —
איצט וועט דער שבת נאָך אַביסל זיך ציען:
ווייל זיצן און שמועסן מיט רב פּנחס׳ן אַ שעה —
איז אַ גרויסע פרייד. און אויב פרייד — איז נאָר דאָ!
דערווייל איז די מאַמע אַריינגעקומען
אַ צווייט מאָל מיט טיי. זי האָט לויטן ברומען
רב פּנחסעס קול דערקענט, ווי עס שיינט,
און כיבוד געברענגט פאַר דעם אַלטן פריינט.

אויך דער טאַטע האָט איצט יובלען אויפגעהערט,
און וויינט אויס אַ געבעט, איינגעהילט אין טרויער:
גאָט זאָל אים עפענען אַ טויער נאָך אַ טויער
דערהייבן די וועלט מיט זיין ליכטיקער האַנט —
„די טויערן פון שיינקייט און פון רחמים די טויערן" —
אוי, וויפל שלעכטס, וויפל שונאים עס לויערן!
אַזש אַ ציטער גייט אַדורך איבערן לייב פון דער מאַמען:
כ׳זאָל זען נאָך אַמאָל מיינע קינדער צוזאַמען,
רבונו־של־עולם! — און זי זיפצט אַזוי שווער,
ביז אַ הייסע, קאָכעדיקע, ברענענדיקע טרער
לייטערט דאָס געמיט ווי באַגינענדיקער טוי;
און אויך דער טאַטע האָט פלוצים זיך פאַרוואַנדלט אַזוי
און ער גייט שוין איבער דער שטוב צעזונגען און תקיף:
„גאָט האָט דיך אויסדערוויילט, ציטער נישט, יעקב!"
אַראָפּגעקאָלערט מיטאַמאָל דעם שטיין דעם שווערן
און פרייד צעפינקלט זיך אין שטוב ווי אַ שטערן.

## ל. אַליצקי

# שבת־ליכט אין פוילן

עס צינדן ווידער מאַמעס שבת־ליכט אין פוילן
און קרייזן זיי אַרום מיט טויבן — מידע הענט.
די אויגן פאַרנעמען נאָכצאַפּלען פון גרוילן
דורך נאָכדונער פון קראַכנדיקע ווענט.

די טויבן פאַלן, נישט דערקוילעט, אויף די קניעס
און, צאַפּלענדיק, זיי טריפן בלוט אין אַש פון שויס:
ווי רייסט מען פאַראַמאָל מיליאָנען קריעות?
און בלויז אַ טרער אים ווי וויינט מען אויס?

די פלעמלעך גליווערן אין טרויער פון די אויגן —
נשמה־ליכטלעך אויף אַ פענצטער פון אַ מת;
די שבת־רו זיצט שבעה אַליין אויף דער ערד געבויגן,
און וואַרט עס זאָל זי אויפהייבן אַ נס...

לאָדזש, יוני־יולי 1946.